STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01782

A BARIKHT

Zeev Baumgold

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א באַריכט

איבער אַ באַזוך אין אייראָפּע
אין די אינטערעסן פון דעם
ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט
פאַר הילף און אויפבוי

פון
ז. באומגאָלד

Labor Zionist Committee for Relief and Rehabilitation, Inc.
673 Broadway • GRamercy 5-0701 • New York 12, N. Y.

אינהאַלט

1. אַלגעמיינע שטימונג פון אידן אין איראָפּע........ 5

2. פּליטים אין די דעמאָקראַטישע לענדער........ 7
א) שווייץ 7
ב) בעלגיע 9
ג) פראַנקרייך, איטאַליע........ 9

3. אידן אין די לענדער אונטערן סאָוועטישן איינפלוס........ 11

4. אידן אין לאַגערן........ 14
א) איטאַליע 14
ב) דייטשלאַנד 18

5. דער זין און באַדייטונג פון אונזער הילפס אַרבעט........ 21

6. די פאָרמען פון אונזער הילפס אַרבעט........ 25
א) קינדער־היימען 25
ב) „אָסקאַר גאָרין" היים........ 25
ג) „ראָוז גיטענשטיין" היים........ 27
ד) קינדער־היים „לע־שו"........ 29
ה) קינדער־היים אין סעלווינאָ........ 31
ו) קינדער־היים אין אַנטווערפּן........ 33

7. קולטור און אויפקלערונגס טעטיקייט........ 35
ביבליאָטעקן, פאַרלאַג, דרוקעריי, צייטונגען........ 35

8. הילף פאַר פּליטים........ 38

9. באַמערקונגען צום סוף........ 41

אַ באַריכט איבער אַ באַזוך אין אייראָפּע, אין שליחות פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי

פון ז. באומגאָלד

זעקס וואָכן אין אייראָפּע, אײַנגאַנצן אויסגעפילט מיט פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע ענינים, אין פאַרבינדונג מיט דער באַדייטנדער צאָל אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן און ווערן אויפגעהאַלטן מיט די מיטלען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט, איז אויך געווען אַן אוממיטלבאַרע געלעגנהייט אַריינצולעבן זיך אויף אַ ווײַלע, באַגרייפן און פאַרשטיין דאָס היינטיקע לעבן און די פּסיכישע ראַנגלענישן פון אידן אין אייראָפּע.

מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק האָב איך צום ערשטן מאָל, זייט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה, באַזוכט אייראָפּע. פון דעמאָלט ביז היינט זיינען פאָרגעקומען טיפע און אַנטשיידנדע ענדערונגען אין דער וועלט און אויך אויף דעם אידישן סעקטאָר. די אַלע ענדערונגען האָבן שפּאָרפול געווירקט אויף דער פּסיכיק פון אידישן מענטש, אויף זיין ווילן און געמיט־צושטאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז געוויסע דיפערענצירונגען דאַרפן געמאַכט ווערן אָפּהענגיק פון לאַנד, זיין פּאָליטישן רעזשים, די לעבנס באַדינגונגען פון די דאָרטיקע אידן א. א. וו. היות, אָבער, די ענלעכקייט פון רוב אייראָפּייאישע לענדער, קודם כל אויפן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן געביט, האַלט אין איין ווערן וואָס בולט'ער, קאָן מען אין געוויסע פאַלן רעדן וועגן דעם אין אַלגעמיינע טערמינען.

לאָמיר דערמאָנען די דריי הויפּט דערשיינונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען, אָדער וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון לעצטן יאָר, צוויי.

1. דער ביז איצטיקער דורכפאַל און באַנקראָט פון אַלע פּלענער ראַדיקאַל צו לייזן דאָס אידישע פּליטים פּראָבלעם.

2. די אויסברייטערונג און פּערפּעסטיקונג פון דער פּאָליטישער רינג פונ׳ם מזרח אַרום אַ צאָל לענדער, און די שטאַרקע מלחמה־שטימונגען צווישן מזרח און מערב.

3. די דערשיינונג פון מדינת ישראל.

„זעקס יאָר האָבן מיר געוואַרט אויפן טויט; דריי יאָר האָבן מיר שפּעטער געהאָפּט אויף לעבן, איצט איז שוין נישטאָ קיין כוחות בכלל צו האָפן; נישט אויף טויט און נישט אויף לעבן" — דער שטימונגס אויסגוס פון אַ לאַגער איד אין איטאַליע אין פאַרלויף פון אַ שמועס איז פיל כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַלגעמיינעם מצב־רוח פון דער שארית הפליטה. מען רייסט זיך נישט אַוועק פון דאָרטן, מען רעוואָלטירט נישט, ווייל עס איז נישטאָ מער קיין כוח זיך צו רייסן און צו רעוואָלטירן. ווען מען פרעגט מיך צי איז אמת, אַז אַ מינדערהייט דאָ און דאָרטן וויל גאָרנישט פאַרן קיין ארץ ישראל, וואָלט איך אויף דעם געענטפערט — זיי ווילן נישט, ווייל זיי האָבן שוין נישט מער קיין כוח צו וועלן. כדי עפּעס ווען, אפילו ווען דאָס איז לעבנס וויכטיק, פאָדערט זיך דערצו אַ געוויסע מאָס פון פיזישן און פסיכישן כוח, אַנדערש ווערט יעדער ווילן און באַגער אַטראָפירט, טויט. דער רעזולטאַט איז אַ מין ציניש גלייכגילטיקייט, אונטערטעניקייט דעם שוואַרצן גורל, דעפּיטיזם און יאוש.

במשך פון לעצטן יאָר, אַנדערהאַלבן, זיינען געווען צענדליקער פּראָיעקטן און פּלענער מיטן ציל ענדגילטיק, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ראַדיקאַל צו לייזן דאָס פּליטים פּראָבלעם. הונדערט מאָל האָט מען זיי אויסגעפרעגט וואוהין זיי ווילן פאָרן און זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי דאַרפן זיך האַלטן גרייט. האָט מען דערוויל שלום געמאַכט מיט דעם טאָג טעגלעכן גיהנום־לעבן אין דער האָפנונג אַז אַט, אַט ווערט מען באַפרייט און אויפגעריכט. אָבער עס זיינען אַוועק לאַנגע לאַגער חדשים און פון אַלע צוזאָגן איז גאָרנישט געוואָרן. (אַ באַדייטנדער טייל פון דער יוגנט, אין מיליטער עלטער, איז דערוויל אַוועק אין גיוס קיין ארץ ישראל). איז מען געבליבן נאָך מער אַליין, איזאָלירט און פאַרשטויסן פון דער גאַנצער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ דאַרף געמאַכט ווערן אַן אונטערשייד צווישן די פאָלגנדע דריי קאַטעגאָריעס פון פּליטים:

1. פּליטים, וואָס געניסן בדרך כלל פון פערזענלעכער פרייהייט, ווי למשל אין די לענדער פון פראַנקרייך, בעלגיע, שווייץ, שוועדן און טיילווייז אין איטאַליע.

2. פליטים אויפן שטח אונטער דעם סאָוועטישן איינפלוס.
3. פליטים אין די לאַגערן.

פליטים אין די דעמאָקראַטישע לענדער

די אידן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע זיינען אָן שום ספק די גליק־לעכסטע, הגם זייער פרייהייט איז היינט אַ געגוג רעלאַטיווע און זיי זיינען ווייט פון צו זיין אַבסאָלוט פריי. נישטאָ די „גוטע צייטן" פון גלייך נאָך דער מלחמה, ווען אידן זיינען אין אייניקע פון די אויבן דערמאָנטע לענדער אויפגענומען געוואָרן מיט אמת'ער גאַסטפריינטלעכקייט און עס זיינען זיי אַרויסגעוויזן געוואָרן געפילן פון מיטלייד, רחמנות און הילפס גרייטקייט, אַלס די גרעסטע קרבנות פון דעם וועלט שונא, וועמעס מפלה מ'האָט איבעראַל געיובלט. אַוועק די „גוטע צייטן" ווען יעדער וואַנדערער איד איז אין יענע לענדער אויטאָ־מאַטיש באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּאָליטיש אָדער רעליגיעז פאַרפאָלגטער מענטש און אַלס אַזעלכן איז אים גלייך פאַרזיכערט געוואָרן איינוואַנדערונגס און אויפנהאַלטס רעכט ווי אויך פרייהייט פון אַרבעט און עקזיסטענץ.

פון דער דאָזיקער „ברייטהאַרציקייט" צו דעם אידישן נע ונד מענטש איז כמעט קיין זכר נישט געבליבן. קיין לאַגערן מיט שטעכיקע דראָטן זיינען אין די מיינסטע דעמאָקראַטישע לענדער טאַקע נישט פאַראַן, אָבער די אַלע באַגרעניצונגען, נייע און אַלטע געזעצן, מיטן ציל צו פּענטען די באַוועגונגס פרייהייט פון אידישן פּליט, שטעכן אים אָפט נישט ווייניקער ווי די שטעכיקע דראָטן פון די לאַגערן אין די אַנדערע לענדער.

שווייץ דערביי איז אפילו נישטאָ דער כלומרש'טער אויסרייד, אַז די באַציאונג צום אידישן וואַנדערער איז אַ רעזולטאַט פון דעם שלעכטן עקאָנאָמישן מצב אין דעם געגעבענעם לאַנד. פונקט פאַרקערט, יעדער ערנסטער באַאָבאַכטער פון דעם אידישן פליטים פּראָבלעם אין מערב אייראָפּע מוז קומען צו דעם טרויעריקן אויספיר, אַז דווקא די לענדער, וואו דער עקאָ־נאָמישער מצב איז מער ווייניקער גוט, זיינען נאָך אַ סך ווייניקער אַ מקום מקלט פאַר אידישע וואָגלער, ווי די אַנדערע לענדער, וואָס ראַנגלען זיך אין אַ ביטערן טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זייער עצם עקזיסטענץ. שווייץ איז אין דער מלחמה נתעשר געוואָרן, פונקט ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. בעת דער מלחמה גופא איז דאָרט אַרויסגעוויזן געוואָרן, מצד דער רעגירונג און באַפעלקערונג, אַ מענטשלעכע באַציאונג צו אַלע, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אירע גרעניצן. עס איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין אויסנאַם בנוגע אידן.

די רעגירונג האָט, אין איינקלאַנג מיט איר פּאָליטישער נייטראַליטעט פּאָליסי און אין הסכם מיט איר אַלטער אַזיל־טראַדיציע, אויפגענומען אַלע די נרדפים, וואָס האָבן געקלאַפּט אין אירע טירן. אַ גוטן איינפלוס אין דער הינזיכט האָט אויך, מן הסתם, געהאַט דער „רויטער קרייץ", וועמען עס איז שטאַרק גע־גאַנגען אין פּרעסטיזש, אַז אין דעם פון דער מלחמה ניט באַרירטן לאַנד, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פון זיין אַנטשטייאונג און אויפקום, זאָל נישט פאַר־קומען קיין דיסקרימינאַציע אין באַצוג צו די אידישע קרבנות פון היטלעריזם. אמת, אַז די פּליטים ווי נאָר זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שווייצאַרישע גרע־ניץ, זיינען גלייך סעגרעגירט געוואָרן אין אַזעלכע, וואָס האָבן געגנוג מיטלען, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן פולשטענדיקע באַוועגונגס פרייהייט, און אַנ־דערע, וואָס זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין אַרבעטס לאַגערן אונטער אַ שווערן מיליטערישן רעזשים. אָבער דער כלל איז געווען נוגע די פליכטלינגען פון אַלע פעלקער אָן אויסנאָם. די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער רעגירונג צו דעם פּראָבלעם איז געווען אַ מער מענטשלעכע און ליבעראַלע. אַלע פּראָטעסטן און שטילע דראָאונגען פון דער נאַצישער מאַכט אויף דעם געביט זיינען איגנאָרירט געוואָרן און אַ געוויסע צאָל אינסטיטוציעס פאַר אידישע פּליטים זיינען אפילו געשטיצט געוואָרן מאַטעריעל.

זייט בערך אַ יאָר איז דער ליבעראַלער גייסט פאַרשוואונדן. שווייץ האָט היינט אַ פּאָליטיק וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דעם ביסל פליכטלינגען, וואָס זיינען נישט געגנוג פאַרמעגלעך, און נישט אַריבערלאָזן איבער איר שוועל אַ מענטש, אויף וועמען עס קאָן זיין אַ חשד, אַז ער זוכט אַ וואוינונגס אָרט און וויל פאַרבלייבן אין דער שווייץ. קיין שום פרעמדער אין דער שווייץ, בתוכם נאַטירלעך אידן, קאָן נישט באַקומען קיין דערלויבעניש דאָרט צו אַרבעטן. נאָך מער: מיר האָבן אַ צאָל חברים אין דער שווייץ, וואָס עטלעכע פון זיי וואוינען שוין דאָרט 12 יאָר און צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך דאָרט געפונען אַ לענגערע צייט פאַרן קריג, זיינען זיי בעת דער מלחמה נישט געהאַלטן גע־וואָרן אין קיין אַרבעטס לאַגערן. אָבער נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג האָבן זיי נישט קיין שום רעכט צו אַרבעטן ביי וועלכן עס איז פאַך און לעגאַל געפינען זיי זיך נאָך אַלץ אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

יעדע מאַטעריעלע שטיצע, וואָס די רעגירונג פלעגט געבן צו אידישע הילפס אינסטיטוציעס, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַזוי, למשל, האָט זייט צווי יאָר עקזיסטירט א בית חלוצים אין דאַוואָס פאַר טובערקולאָז קראַנקע חברים פון אונזער באַוועגונג, וואָס פלעגט צווישן אַנדערע אויך באַקומען אַ געווי־

סע מאַטעריעלע שטיצע פון׳ם שטאַט. דאָס עקזיסטירט נישט מער. *)

שווייץ האָט ווייטער „ליב” אויסלענדער. אין דער הינזיכט זעצט זי כלומרשט פאָר איר אַלטע שיינע טראַדיציע פון גאַסטפריינטלעכקייט. זי טוט עס אפילו איצט מיט מער קאָמערציעלער געשיקטקייט און עלעגאַנץ, אָבער זי וויל נישט פאַרטראָגן קיין אָרימע אויסלענדער. זי וויל אפילו קיין שפּאָרונע נישט עפענען פאַר א אידישן פּליט, אַחוץ אין אַן אויסנאַמס פאַל, ווען אַן אַנערקענטע אויסלענדישע קערפּערשאַפט גאַראַנטירט אריינצושיקן די מיט־לען אין לאַנד אַריין פאַר זיין אויסהאַלטונג. כמעט אַן ענלעכע לאַגע פון׳ם פּליטים פּראָבלעם איז אין די סקאַנדינאַווישע לענדער.

בעלגיע

אין בעלגיע וואַרפט זיך נאָך מער אין די אויגן די רשעות צו די איינגעוואַנדערטע אידן. בעלגיע, פּונקט ווי פראַנקרייך, איז 4 יאָר צייט געווען אָקופּירט פון די נאַציס, אָבער זי איז פאַרהעלטנסמעסיק וויניקער רואינירט און אויסגעצאַפּט געוואָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע־מאַכט ווי פראַנקרייך. עקאָנאָמיש איז זי שנעל געקומען צו זיך און זיך פּאָליטיש סטאַבי־ליזירט. אין לאַנד גופא דערקענט מען נישט, אַז ס׳איז דאָרט אַמאָל געווען אַ מלחמה. מען קאָן אַלץ באַקומען פּונקט ווי אין אַמעריקע. בנוגע אָבער אידישע פּליטים איז בעלגיע פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. די קליינע צאָל אומלע־גאַלע אידן זיינען האָפנונגסלאָז צו קענען ווען עס איז לעגאַליזירן זייער מצב. אַזעלכע אידן, וואָס האָבן שוין יאָ וואוינונגס רעכט, האָבן אָבער נישט קיין רעכט אויף אַרבעט. אין בעלגיע הערשט בכלל אַ ניט סימפּאַטישע באַציאונג צו דעם אידישן פּליטים פּראָבלעם, וואָס קומט אָפּט צום אויסדרוק אין דער פּרעסע דווקא אין פאַרבינדונג מיט דער אידיש־אַראַבישער מלחמה. אָן שום ספק איז דאָס ענגלישער איינפלוס. אָבער עס איז פּיינלעך, וואָס אַלע ביז איצטיקע אינטערווענצן פון אידישן וועלט קאָנגרעס און פון אַנדערע קערפּערשאַפטן ביי דער רעגירונג, אין וועמעס שפּיץ עס שטייט אַ סאָציאַליסט, האָט קיין שום גינסטיקע ווירקונג נישט געהאַט.

פראַנקרייך און איטאַליע

דאַגעגן זיינען די צוויי פּאַראַרימסטע לענדער אין מערב איירפּע, פראַנקרייך און איטאַליע, די צוויי פאַרן קריג גרעסטע אימפּעריעס נאָך ענגלאַנד, און היינט די גרעסטע „יורדים”, נאָך אַלץ די בעסטע צייטווייליקע היימען פאַר דעם אידישן מענטש. פראַנקרייך ראַנגלט זיך אַליין אין אַ פאַרצווייפלטן ביי־

*) דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט פלעגט שטיצן די וויכטיקע אינסטיטוציע מיט קליינע מיטלען, איצט האָבן מיר איבערגענומען דעם גרעסטן טייל פון בודזשעט.

טערן קאַמף פאַר איר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און פּאָליטישער סטאַבילי־זאַציע, איטאַליע לעבט 40% פון אַמעריקאַנער קצבה (מאַרשאַל־פּלאַן). ביידע לענדער מאַכן קאָנוואולסיע אָנשטרענגונגען אין זייער אָפּווער קעגן דער קאָ־מוניסטישער כוואַליע, וואָס באַדראָאט זיי אָפּט מיט פאַרפלייצונג. פונדעסט־וועגן איז דאָרט דאָס געפיל צום אידישן מלחמה־קרבן נישט אויסגעלאָשן.

איטאַליע האָט געשפּילט אפשר די וויכטיקסטע ראָלע אין דער עליה קיין ארץ ישראל אין די לעצטע פאַר יאָר. דער גרעסטער טייל פון דער עליה, פאַר און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה, וואָלט מן הסתם געווען אוממעגלעך ווען נישט די טיפע פאַרשטענדעניש פון איטאַליע־נישן פאָלק און זיין רעגירונג צו אונזער היימלאָזיקייט און היימלאַנדס דראַנג. אָבער אויך אין איטאַליע ווערן היינט אידן געפּייניקט. די אָפּטע געיעגן אויף אידן „דעזערטערן" פון די לאַגערן, דאָס שווידערלעכע גיהנום־לעבן אין די לאַגערן גופא און דער גירוש פון איין לאַגער אין צווייטן, איבער וועלכן עס וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן, זיינען טיפע וואונדן אויפן קערפּער פון דער דאָרטיקער שארית הפליטה, וואָס וועלן זיך אַזוי שנעל נישט פאַרהיילן. אמת, אַז פאַר די ביטערע ענויים אויף אידן זיינען אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך די 21 מלוכות, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין דער „איראַ" — די פאַקטישע פאַר־זאָרגערין פון פליכטלינגען — אָבער דאָס אַלץ קומט פאַר אין איטאַליע, אויף איטאַליענישער ערד און מיט דעם אָפטן באַנוצן פון דער איטאַליענישער פּאָ־ליציי אָדער מיליטער.

דער אידישער ישוב אין פראַנקרייך איז פון די אַלע לענדער דער גרעסטער און דער פרייסטער. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דאָס גרויסע פולסירנד אידיש לעבן, וואָס שטייגט איבער אפילו די ערב מלחמה יאָרן. אין געגנזאַץ צו איטאַליע, וואָס איז אַ דורכפאָר לאַנד בעיקר עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, איז פראַנקרייך אויך אַן אָפּשטעל אָרט, וואו אַ גרעסערע צאָל אידישע פּליטים וועלן פאַרבלייבן אַ לאַנגע צייט.

קיין פראַנקרייך קומען נאָך טעגלעך נייע אידישע אימיגראַנטן אויף פאַרשידענע וועגן, מערסטנטייל פון מזרח אייראָפּע און פון דייטשלאַנד. אָבער אויך דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרענגערע קאָנטראָל איבער דער אידישער אימיגראַציע. די פאָרמאַליטעטן פון לעגאַליזירן דעם סטאַטוט פון אַן אימי־גראַנט, ווער שמועסט דאָס באַקומען פאַר אים אַן אַרבעטס דערלויבעניש, איז אַ סך שווערער ווי מיט אַ יאָר, צוויי צוריק. אָבער מען הערט נישט קיין פאַלן פון צוריקשיקן אידישע אימיגראַנטן אין די לענדער פון וואַנען זיי זיינען

אָנגעקומען, אָדער וועגן פאַרשפּאַרן זיי אין לאַגערן; מען לאָזט אָטעמען און זיך פריי באַוועגן. דאָס מיינט אומגעהויער פיל פאַר אַ אידישן פּליט.

אידן אין די לענדער אונטערן סאָוועטישן איינפלוס

גאָר אַנדערש און אַ סך מער קאָמפּליצירט איז דער מצב פון אידן אין די לענדער אונטער דעם סאָוועטישן איינפלוס. אַלע דערשיינונגען דאָרט אין באַצוג צו אידן זענען אין פלוג אויס פּאַראַדאָקסאַל און אומפאַרשטענדלעך. די באַציאונג מצד די רעגירונגען אין די לענדער צו דער נייער אידישער מדינה איז אויפריכטיק אַ פריינטלעכע, אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט דאָס „וואַכזאַמע אויג" אויף דער טעטיקייט פון די דאָרטיקע ציוניסטישע גרופּן אַלץ שטרענגער און שטרענגער. אַלע גבית־עדות'ן באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז די רעגירונגען ווילן עוקר מן השורש זיין דעם אַנטיסעמיטיזם. די אידן פון יענע לענדער רעדן וועגן דעם מיט התפעלות, אָבער דער דראַנג פון אידן צו פאַר־לאָזן יענע לענדער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי אין לעצטן יאָר, אַנדערהאַלבן. די נויט פון דעם רוב אידישע ישובים איז שוידערלעך. די מאַכט אין די לענדער איז זיכער אָביעקטיוו פאַראינטערעסירט צו פאַרבעסערן די טרויעריקע מאַטעריעלע לאַגע פון דער ליידנדער אידישער באַפעלקערונג, אָבער גלייכצייטיק ווערן אָנגענומען די שטרענגסטע מאָסנאַמען — אחוץ גע־וויסע אויסנאַמען — אַריינצולאָזן פאַרשטייער פון הילפס אָרגאַניזאַציעס און במילא צו לינדערן די נויט פון די דאָרטיקע אידן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע אומפאַרשטענדלעכקייטן הויבן אָן צו ווערן פאַרשטענדלעך ווען מען דערגרונטעוועט זיך אַביסל צו דיווירקלעכע סיבות פון די דערשיינונגען.

די פּאָליטיק פון די רעגירונגען פון סאָוועטישן בלאָק צו ישראל איז זיכער באַזירט אויף די זעלבע גרונטן, וואָס די שטעלונג צו דער אידישער מדינה מצד דעם קרעמלין. דער פּרינציפּ, אָבער, פון איין פּאַרטיי סיסטעם און רעזשים, ווי אויך דער ווילן נישט צו דערלאָזן די אָרגאַניזירונג פון נאַ־ציאָנאַליטעטן־גרופּירונגען דערלויבן נישט צו טאָלערירן „אַ־לאַ־לאָנג" ציוניס־טישע באַוועגונגען און אַקטיוויטעטן. אין פּוילן האָט ביז נישט לאַנג צוריק עק־זיסטירט אַן אָפּשפּאַלט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פאַרבליבן טריי די אַמאָליקע „פּ.פּ.ס.". אונזער דאָרטיקע פּאַראייניקטע פּאַרטיי פּועלי ציון־התאחדות איז געווען, אַזוי צו זאָגן, עקוויוואַלענט אין פּאָליטישן זין צו

דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. לעצטנס האָט זיך די קליינע פוילישע פּאַרטיי דעצידירט צו „פּאַרייניקן" מיט דער קאָמוניסטישער רעגירונגס פּאַר־טיי. אַ חבר פון פוילן האָט מיר מיט ערנסטקייט אָנגעוויזן אויף דער נייער סיטואַציע פאַר אונזער דאָרטיקער באַוועגונג, וואָס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אַ זייער אומבאַקוועמער דילעמע. מען וועט פרעגן, ווי האַלט איר איצט אין דער וועלט, נאָכדעם ווי אַלע ריכטונגען, וואָס זיינען נישט קיין שונאים פון רעזשים, זיינען שוין פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי. מיט דעם דערקלערט זיך וואָס די לינקע ריכטונגען אין ציוניזם ווערן גיכער טאָלערירט און געניסן דאָרט אויך פון מער צוטרוי און פאַרשטענדעניש.

עס איז נישט צו צווייפלען, אַז די רעזשימען אין די לענדער זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר יעדן פּרייז. אונטער דער מאַסקע פון אַנטיסימיטיזם וויל מען אויך פאַקטיש אונטערגראָבן און אומברענגען די פּאָליטישע סיסטעמען פון די רעגירונגען. די מענטשן ביי דער מאַכט פאַרשטייען אויסגעצייכנט די סיטואַציע און זיי באַקעמפן טאַקע די פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטיזם אַלס שונאים פון רעזשים. די אָפענע אידן־שנאה איז טאַקע אָפּגעשוואַכט און צומאָל ליקווידירט געוואָרן. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז דער אַנטיסעמיטישער סם איז נישט אַריין טיפער אין די ביינער אין געוויסע שיכטן פון פאָלק, פאַרשטעלנדיק די אידן אַלס דעם סינאָנים פון די נייע אַרויפגעצוואונגענע אויף זיי רעזשימען.

אידן פאַרשטייען און פילן דאָס בחוש. מען איז דאַנקבאַר פאַר דעם באַשטראָפן אָפענע אַנטי אידישע אַרויסטרעטונגען, אָבער דערביי פילט מען זיך אָפּט אַרומגערינגלט מיט שנאה און האַס. עס איז דעריבער דאָ דער פחד פאַר דעם גיפט, וואָס אַקומולירט זיך און וואָס קאָן ווייטער אַמאָל ברענגען פאַרניכטונג און חורבן. דאָס איז דער כוח הדוחה פון אידישע מענטשן, וואָס ווילן וואָס שנעלער אַוועק פון זייערע אָפּשטאַמונגס לענדער.

פונקט ווי די ערשטע צוויי ביישפּילן האָט אויך די פראַגע פון באַגרע־ניצן אויסלענדישע רעליף נישט צו טאָן מיט דער עצם באַציאונג צו אידן. דאָס איז אויך אַ רינגעלע פון אַן אַלגעמיינער „פּאָליסי", וואָס באַשטייט אין דיס־קרעדיטירן אויסלענדישע, וואָס עס מיינט — אַמעריקאַנער הילף, אַלס „שלאַג־קאַפּיטאַל" און דעראָבערונג פון פּאָליטישער העגעמאָניע מצד דעם מערב. „מאַרשאַל פּלאַן" איז היינט דער סלע המחלוקת אין אייראָפּע און צו זיין פאַר אָדער געגן אים איז דער סימן מובהק צי מען איז אַן אָנהענגער פון מערב אָדער מזרח. די פּאָליטישע ריכטונגען זיינען אַזוי פאַנאַנדערגעטיילט אונטער דער

„פּאַראַלע" פאַר אָדער געגן „מאַרשאַל פּלאַן" אַז קיין שום מיטל־וועג, אָדער דריטע ריכטונג, האָט ניט קיין פּלאַץ. אויף די גאַסן פון רוים און מילאַנאָ קען מען לייענען פיל אַפּישן, וואָס געפינען זיך נאָך פון דעם לעצטן וואַל קאַמף אין איטאַליע. אַלע בילדער, קאַריקאַטורן, לאָזונגען און אויפרופן האָבן איין טע־מאַטיק — „מאַרשאַל פּלאַן".

די לינקע רעגירונגען און פּאַרטייען האָבן דעריבער אַ באַשטימטן פּאָראורטייל צו יעדער הילף פון אַמעריקע, וואָס ווערט באַטראַכט בבחינת אַ געוואַר, אָדער אַ מין פּראָפּאַגאַנדע אַנגריף געגן זייערע רעזשימען. אָט דער קאָמפּלעקס דיקטירט נישט צוצולאָזן לייכט געזעלשאַפטלעכע מענטשן, פאַר־טרעטער פון אָרגאַניזאַציעס, פון דער צווייטער ריכטונג: ספּעציעל פון אַמערי־קע, טראָץ דעם, אָדער גראָד צוליב דעם, וואָס זיי ווילן ברענגען הילף פאַר די ליידנדע אָרימע מאַסן, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, ווי נאָר אַ פאַרהונגער־טער מענטש קאָן זיך נויטיקן אין אַ שטיקל ברויט.

די אָרימקייט, נויט און עלנדקייט פון די אידישע פּליטים אין די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער איז אפשר נישט קיין סך קלענער ווי ביי די אידן (וואָס זיינען לכל הפחות פאָרמעל בירגער און נישט קיין פּליטים) אין די סאָ־וועטיש בייאיינפלוסטע לענדער. פונדעסטוועגן פילן זיך די לעצטע פּסיכיש נאָך מער אומזיכער און מער געפּענטעט, הגם בירגער פון אַ לאַנד, וועמעס רעגירונג נעמט זיי אונטער שוץ — ווי די אמת׳ע פּליטים, וואָס זיינען פאָרמעל שוצלאָז, שטאַטלאָז, פאַרטריבן אין דער פרעמד, אָן רעכט און פאַרטיידיקונג. זיי ליידן קודם כל פון דער מורא פאַר אַנטיסעמיטיזם, ווי עס איז שוין פריער אַנגעוויזן געוואָרן, ווי אויך פון דעם רעזשים, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פון די אידישע נושאי־כלים פונ׳ם רעזשים. און צום סוף דער פּחד, אַז אָט, אָט וועט מען איינגאַנצן פאַרשפּאַרט ווערן, פּונקט ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָן שום מגע ומשא מיט דער אידישער וועלט, איז גענוג אַריינצופאַלן אין אַ מרה־שחורה.

אגב, אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אידישן וועלט קאָנגרעס אין מאָנטרע איז געווען אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן די טאַקטיק (און טאַקט) פון די אידי־שע קאָמוניסטן, דעלעגאַטן צום וועלט קאָנגרעס פון די קאָמוניסטישע לענדער, און עס איז אויך געווען אַ גוטע געלעגנהייט אויספּירלעך צו שמועסן מיט אַ צאָל אונזערע חברים פון די זעלבע לענדער, כדי שעפּן אַביסל אָלזייטיקע אינפאָרמאַציע און זיך נענטער באַקענען מיט אַ סך דאָרטיקע פּראָבלעמען.

אַלע אידישע קאָמוניסטן האָבן אויף דער טריבונע פון קאָנגרעס געהאַט די זעלבע שפּראַך. אפילו מיט אַ ניואַנס האָט זיך כמעט נישט אונטערשידן איין רעדע פון דער אַנדערער: תהלות ותשבחות פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און פאַר סטאַלינען, פאַרדאַמונג פאַר דער מערב וועלט, וואָס איז שולדיק אין אידישן חורבן, און חזק ואמץ ווערטער פאַר דער נייער אידישער מדינה. אונזערער אַ חבר פון איינע פון די לענדער, האָט ביי אַ געלעגנהייט פון אַזאַ קאָמוניסטי־שער רעדע מיר איינגערוימט אין אויער: ווען סטאַלין, אָדער איינע פון די רעגירונגען, וואָלט געהאַט געפרעגט אַן עצה ביי דעם רעדנער וועגן אַ שטעלונג צו ארץ ישראל, וואָלט זיכער קיינמאָל נישט געקומען דערצו ער זאָל היינט האַלטן אַזאַ רעדע וועגן דער אידישער מדינה. טאַקע דער זעלבער חבר האָט מיר אָנדערציילט וויפל ליידן עס קומט אויס אויסצושטיין אין יעדער אידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט מחמת מורא פאַר אָט די אידישע קאָמוניסטן. אָפּט־מאָל דערמאָנען זיי די אַמאָליקע „יעווסעקציע" מיט אַלע פּיטשעווקעס. די „טרייסט" פון דעם זעלבן חבר איז נאָר געווען, אַז צו זיי אַליין האָט מען אויך נישט קיין איבעריק גרויסן צוטרוי, ווייל אָט זיינען זיי אַלע 5 אידישע קאָ־מוניסטן, דעלעגאַטן צום קאָנגרעס פון איין לאַנד, געקומען צופאָרן מיט איין קאָלעקטיוון פּאַס. זיכער נישט צוליבן מאַנגל אין פּאַפּיר האָט מען געוואָלט זיין שפּאָרסזאַם אין אַ פּאַר ביכלעך... (דער חבר אונזערער, וועלכער וואוינט שוין 34 יאָר אין דעם לאַנד, איז אָבער נאָך אַלץ אַ פרעמדער בירגער. דערפאַר האָט ער נישט געקענט איינגעשלאָסן ווערן אין דעם „קאָלעקטיוו").

די עליה פון די לענדער איז בדרך כלל געגנוג באַשוועגט (פונדעסט־וועגן איז נאָך אַלץ לייכטער פאָרן קיין ארץ ישראל ווי סתם עמיגראַציע). מען גלויבט, אַז די נאָרמאַלע פּאָליטישע באַציאונגען מיט דער אידישער מדינה, וועלן אָפּהאַלטן פון פאַרהאַמערן די טויערן פאַר עליה, אָבער דאָרטיקע אידן זיינען אויך אין דעם נישט זיכער און דערפאַר די אומרואיקייט און שרעק.

אידן אין לאַגערן

איטאַליע די אומגליקלעכסטע קאַטעגאָריע אידן אין אייראָפּע זיינען נאָך אַלץ די, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן. זיי זיינען די אמת׳ע פאַרשטויסענע, פאַרגעסענע, ממש הפקר. זיי גייען אונטער און ס׳איז אפילו נישטאָ ווער עס זאָל פּראָטעסטירן, ווייל בכלל פאַרנעמט זיך מיט זיי קיינער נישט. זייערע קינדער ווערן קראַנק פון אונטערדערנערונג און שטאַר־

בן בוכשטאַבלעך פון הונגער און עס איז אפילו נישטאָ צו וועמען צו שרייען „ראַטעוועט״!

די ווערטער ווערן געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון אַ באַזוך אין צוויי לאַגערן פון איטאַליע. אַלץ, וואָס מען זעט דאָרט, איז הימל־שרייענד און טייוולאָניש פאַנטאַסטיש. די אויפזיכט אויף די לאַגערן האָט די „איראַ״, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון 21 מלוכות. די אָנפירער פון דער „איראַ״ זיינען ענגלענדער, אַמעריקאַנער, געוועזענע נאַצישע עסטרייכער און אפילו דייטשן. די ענגלענדער זיינען על פּי רוב אָפענע אַנטיסעמיטן און אַ טייל פון זיי פירט זיך אויף נישט קיין סך בעסער ווי די נאַצים אין דער מלחמה צייט. די אַמע־ריקאַנער זיינען פּאַסיוו און ווערן באַאיינפלוסט פון דער אַנטי־אידישער איינ־שטעלונג. וואָס הערשט אין דער „איראַ״. וואָס טוט דער „דזשאָינט״ אין די לאַגערן? לויט דער דערקלערונג פון אונזערע חברים, מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט פון אידישע פליטים אין איטאַליע, און לויט אַ באַשטעטיקונג דערפון פון אַ מיטאַרבעטער פון „דזשאָינט״ (אַן עמיגראַנט) באַשטייט זיין חלק הילף אין אַ פּעקל אַ חודש פאַר אַ פּליט, וואָס באַטרעפט פון 1 דאָלאַר ביז $1.25, ווי אויך אין טאַשן געלט פאַר יעדן פּליט 25 סענט אַ חודש. צוזאַ־מען $1.50 אַ חודש פאַר אַ פּליט. אַ לאַגער פון טויזנט מענטשן קאָסט אָפּ דעם דזשאָינט שטיצע $1,500 ביז מאַקסימום $2,000 אַ חודש. פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ לעכערלעך קליינער סומע רעליף פאַר לאַגערן קען מען ניט זיין „באַרעכטיקט״ צו האָבן אַ ווירקונג און די מיטאַרבעטער פון דער „איראַ״ פאַרבלייבן די אַליינהערשער און האַנדלען ווי זיי פאַרשטייען און אין הסכם מיט זייער באַציאונג צו אידן.

ווי נאָר אַ פרעמדער טרעט איבער די שוועל פון אַזאַ לאַגער, ווערט ער באַפאַלן פון אידישע מענער, פרויען און אפילו קינדער, וואָס שרייען, פּראָ־טעסטירן, וויינען, אַ סוף צו מאַכן צו זייער גיהנום. זיי ווייסן רעכט נישט ווער דער פרעמדער איז, צי האָט ער עפּעס אַ שייכות צו די ענינים אָדער נישט — אַ מענטש פון דער אויסערלעכער וועלט: „טאָ דערציילט אַלע אידן אין דער וועלט, ווי מען פּייניקט אונז דאָ, ווי מען פאַרפאַלגט אונז. מען וויל מ׳זאָל דאָ אויסשטאַרבן, אָבער וואָס וועט זיין מיט אונזערע קינדער. צוליב דעם האָבן מיר געדאַרפט איבערלעבן היטלערן, מיר זאָלן אומקומען פון די דעמאָ־קראַטיעס״! — — —

מען לאָזט אייך דאָס מויל נישט עפענען, מען שרייט צו אייך פון אַלע זייטן, פרויען וויינען און בעטן ביי אייך רחמים זיי צו העלפן. זיי ווייזן אייך

די ביינדלעך אויף די קינדערס גופים. יונגע און אַלטע מענטשן רינגלען איך אַרום איר זאָלט געבן אַ קוק אויף זייערע „דירות" וואו זיי וואוינען. דער חבר, וואָס באַגלייט מיך, ווי אויך דער אידישער לאַגער מיליציאַנט וויל מיך אַרויסנעמען פון דעם אַנגעלאָפּענעם עולם, אָבער דאָ ווערט דאָס גע־וואַלד העכער, פּאַרוואָס „מען דערלאָזט נישט די וועלט זאָל דערפון וויסן".

ביידע לאַגערן, וואָס איך האָב באַזוכט, „יעסי" און „סענגאַליאַ", האָבן אַרום זיך אַ פאַשיסטישע, אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע און טאַקע לעבעדיקע פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן אַלס שכנים. איין לאַגער געפינט זיך אויף דעם זעלבן אָרט וואו עס ווערט אויפגעהאַלטן אַ קעמפּ פון יוגאָסלאַווישע פאַשיסטן און דער צווייטער לאַגער געפינט זיך אין נאָענטער שכנות פון דעם באַרימטן גענעראַל אַנדער׳ס פּוילישער אַרמיי. דאָס עסן פאַר די אידישע פּליטים קאָן באַצייכנט ווערן ווי אַ „הונגער־דיעטע"; אַביסל שוואַרץ וואַסער, וואָס זעט אויס ווי קאַווע, מיט אַ שטיקל ברויט אינדערפרי און אין אָוונט, אַביסל זופּ אַמאָל מיט אַביסל קרויט אָדער מיט קאַרטאָפל מיטאָגצייט. די זופּ גיסט מען געוויינלעך אַרויס, אַזוי שלעכט איז זי. די פאַרשריפט פון דער „אירא" זעט פאַרויס אַ באַשטימטע צאָל קאַלאָריעס אַ טאָג פאַר אַ מענטש — וואָס איז פאַקטיש אַן אונטערדערנערונגס דיעטע, אָבער פאַרפוילטע קרויט אָדער פאַרפוילטע קאַרטאָפל אַנטהאַלטן אין זיך מער קאַלאָריעס ווי די זעלבע פּראָ־דוקטן פרישערהייט. טענה׳ן די פּליטים, אַז די „אירא" מענטשן האָבן אַ פּאָליטיק אָפּצוהיטן זייערע פאַרשריפטן, אָבער דערביי זאָלן די אידן וואָס וויניקער הנאה האָבן. גיט מען זיי אַלטע און פאַרפוילטע פּראָדוקטן, וואָס זאָלן האָבן אין זיך די פאַרגעשריבענע צאָל קאַלאָריעס, אָבער וואָס איז אומ־מעגלעך צו עסן. אין די לאַגערן ווערט שוין פּאַראַפראַזירט די אַלטע אידישע קללה „אַ כאָלערע זאָל דיך טרעפן" אויף — „אַ קאַלאָריע זאָל דיך טרעפן".

אָבער נאָך מער פאַרציטערט מוז מען ווערן ווען מען דערזעט די „דירות" אין וועלכע עס וואוינען די פּליטים. דאָס איז ווירקלעך אַ גיהנום. אַ גרויסער טייל פון די אידן וואוינען אין די „בלעכענע פּושקעס", פון בלעך אויפגעשטעלט גרויסע קאַסטנס און אין יעדער אַזאַ פּושקע וואוינט אַ פאַ־מיליע, אָפט מיט צוויי קינדער. די בלעך ווערט זומער דורכגעברענט פון דער זון און גלייך ביים אַריינגאַנג פאַרלירט מען דעם אָטעם. ווינטער ווערט מען דאָ געפרוירן. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, ווינטער צייט, איז אין איינעם פון די לאַגערן ממש געקומען צו אַ רעוואָלט צוליב די שווערע ליידן פון קעלט און פראָסט. ספּעציעל די קליינע קינדער זיינען געווען אין אַ טויט סכנה

(אין יענער צייט האָט דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט באַקומען ווענן דעם אַן אַלאַרמירנדיקע ידיעה פון אונזערע דאָרטיקע חברים און עס איז גלייך באַשטימט געוואָרן אַ געוויסע סומע געלט פאַר האַלץ). עס איז אין דעם לאַגער פאָרגעקומען אַן אמת׳ער אויפשטאַנד און ווען נישט די בריטהאַרצי־קייט און די רחמנות פון אַ רייכן איטאַליענישן איד, וואָס האָט גלייך אויף זיין אייגענעם חשבון באַזאָרגט אַ וואַגאַן האָלץ אין לאַגער אַריין, וואָלט דאָרט זיכער געקומען צו בלוט פאַרגיסונג.

זייט אַ פּאָר חדשים גייט אַן אַ באַוועגונג אין איטאַליע פון ליקווידירן לאַגערן אין איין געגנט (ספּעציעל אין צפון) און אַריבערוואַרפן די פּליטים אין לאַגערן אין אַנדערע געגנטן. אַזעלכע „איבערזידלונגען" פאַרשאַפן די פּליטים אַ סך יסורים און אין צוויי אַזעלכע לאַגערן, זיינען געווען אָרגאַני־זירטע פּרואוון פון געגנשטעלן זיך דעם איבערפירן. אין איין לאַגער „קאַדער־נאַ" איז אפילו פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ הונגער סטרייק. נאָך דעם ליקווידירן פון אַן אַנדער לאַגער „שקאָלאַ קאַדאָרנאַ" האָט אַ קליינער טייל פון די אידן, וואָס האָבן אויך געזאָלט אַריבער אין אַנדערן לאַגער, זיך איינגעאָרדנט פּריוואַט אין מילאַנאָ. די „איראָ" האָט ווענן דעם צוגעשטעלט אַ רעפּאָרט צו דער איטאַליענישער פּאָליציי און פאַרלאַנגט צו אַרעסטירן די אַלע לאַגער־דעזערטערן. די פּאָליציי האָט אָרגאַניזירט אַן „אַבלאַווע" אויף אידישע פּליטים אין דער גאַנצער שטאָט און אַלע פאַרהאַלטענע אָפּגעשיקט אין אַ קאָנ־צענטראַציע לאַגער. אין איטאַליע איז נאָך אַלץ אין קראַפט דאָס פּאַשיסטי־שע פּאָליציי געזעץ, אַז אויסלענדער קענען פאַרהאַלטן ווערן אָן אַ געריכט־לעכן פּראָצעס, ווען דאָס איז נויטיק. בכלל קאָן קיינער נישט פאַרלאָזן דעם לאַגער, אפילו ווען ער האָט די בעסטע מעגלעכקייט זיך איינצואָרדנען אין שטאָט. אויף דעם מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבניש פון דער „איראָ" און אַזעלכע דערלויבנישן גיט שוין די „איראָ" נישט אַרויס זייט אָנהויב 1947.

אין רוים עקזיסטירט אַ צענטראַל קאָמיטעט פון אידישע פּליטים אין איטאַליע, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן אַלע ריכטונגען. די מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט פאַרנעמען זיך מיט אַלע פּליטים פּראָבלעמען. זיי זיינען אין אַ געוויסן זין די פאַרמיטלער צווישן „איראָ", „דזשאָינט" און דעם פּליטים ציבור און זיי פירן אויך אָן מיט דער ווירטשאַפט און אָרדנונג אין די לאַגערן. די מענטשן פון צענטראַל קאָמיטעט (צווישן זיי נאַטירלעך אויך אונזערע חברים) באַקומען קליינע געהאַלטן פון „דזשאָינט", ווי אויך אַ פּעקל

שפייז אַ חודש. אַלע זיינען זיי פֿאַרביטערט צוליב דעם שלעכטן מצב פֿון די פּליטים. אַלע זייערע אינטערווענצן האָבן אַ קנאַפּע פּעולה. ווען איך בין דאָרט געווען איז פֿאָרגעקומען אַ שטיקל קאָנפֿליקט (איך געדענק נישט די סיבה) צווישן דעם צענטראַל קאָמיטעט מיט דער דאָרטיקער לייטונג פֿון „דזשאָינט". דער דזשאָינט — ווי די חברים האָבן מיר איבערגעגעבן — האָט אַלס ערשטע „סאַנקציע" קעגן דעם צענטראַל קאָמיטעט אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן די שפּייז־פּעקלעך פֿאַר דעם חודש צו די פּליטים־קאָמיטעט מיט־גלידער.

צווישן אונזערע חברים איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ דיסקוסיע, אַז אַלס פּראָטעסט קעגן דעם זאָלן אַלע צענטראַל־קאָמיטעט מיטגלידער דעמסיאָ־נירן, אָבער עס זיינען אויך געווען געגנערישע מיינונגען, מאָטיווירנדיק אַז דאָס וועט ווייטער אויסגיין צו די פּליטים'ס קעפּ, וואָס זיינען שוין אַזוי אויך גענוג געשלאָגן. דער אינצידענט אָבער באַווייזט וועלכע באַציאונג עס איז אָפּט דאָ צו די אידישע פּליטים און צו זייערע אויסדערוויילטע פֿאָרשטייער, אפילו מצד דער אידישער פֿילאַנטראָפּיע.

דייטשלאַנד פֿון אַלע ידיעות, וואָס אונזערע פֿירנדע חברים פֿון דייטש־לאַנד האָבן מיר איבערגעגעבן, שאַפֿט זיך דער איינדרוק, אַז דורכשניטלעך איז דאָרט די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די אידישע פּליטים בעסער ווי אין איטאַליע. אמת, אַז די לעצטע פּלוצלונגדיקע וואַלוטע רעפֿאָרם פֿון דייטשן מאַרק איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר דעם פּליטים־לעבן און אויך, אין אַ גרויסער מאָס, פֿאַר די הילפֿס אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע רעפֿאָרם האָט נאָך בולט'ער באַוויזן די הילפֿסלאָזיקייט און די פּויפּעריזאַציע פֿון די אידן אין דייטשלאַנד. די מערסטנטייל אידן פֿלעגן לעבן פֿון די פּעקלעך שפּייז, וואָס זיי פֿלעגן באַקומען אַלס שטיצע פֿון דער „איראָ" און „דזשאָינט". פֿאַר אַ שטיקל זייף, אַ פּעקל טיי, אַ פּעקל סיגאַרעטן, וואָס דער אידישער די־פּי האָט פֿאַרקויפֿט האָט ער דערמיט געקענט דעקן אַ וויכטיקן טייל פֿון זיין לעבנס הוצאה. איצט, בעת דער נייער דייטשער מאַרק איז געוואָרן אַ פֿעסטע מטבע און האָט בערך 300% מער ווערט, ברענגט אים דאָס אויס־בייטן פֿון פּראָדוקטן גאָר ווייניק, און ווייטער בלויז פֿון די פּראָדוקטן, וואָס ער באַקומט, איז נישטאָ גענוג צו עסן, ווער שמועסט נאָך אויף אַנדערע הוצאות וואָס יעדער לעבעדיקער מענטש און פֿאַמיליע מוז האָבן. די הילפֿס אָרגאַניזאַציעס, ווייטער, וועלכע האָבן די רעפֿאָרם נישט געקענט פֿאָרויס־זען און זיינען דערצו נישט געווען צוגעגרייט, האָבן געליטן אַ גרויסן

מאַטעריעלן היזק, וואָס רופט זיך נאָך איצט שטאַרק אָפּ אויף זייער שטיצע פאַר די פּליטים.

אין אַלגעמיין, אָבער, ווי געזאָגט, די נויט און די עלנדקייט ביי אידן אין דייטשלאַנד איז דאָך נישט אַזוי שטאַרק ווי ביי די אידישע לאַגער פּליטים אין איטאַליע. דערפאַר אָבער זיינען גרעסער די פּסיכישע ליידן פון די אידן אין דייטשלאַנד צוליב דעם אומגליקלעכן וואוקס און אַנטוויקלונג פון נאַצישן אַנטיסעמיטיזם.

די פּאָליטישע שפּאַנונג צווישן מזרח און מערב האָט שטאַרק געהויבן דעם מוט און חוצפּה ביי די דייטשן. זיי זיינען זיכער אַז דייטשלאַנד לעבט ווידער אויף און אַז בקרוב וועלן זיי האָבן אַן אייגענע רעגירונג און אַ דייטשע מלוכה מיט איבער 40 מיליאָן איינוואוינער. דער גורל פון די דייטשן וועט צוריק איבערגיין אין זייערע אייגענע הענט.

אין רעזולטאַט דערפון, האָט אָנגעהויבן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט צו וואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. אַן אויסדרוק פון די נייע שטימונגען זיינען אויך די אורטיילן פון די דענאַציפיקאַציע-געריכטן. פאַר געהערן צו די פאַרברעכערישע ס. ס. און ס. א. באַקומט מען היינט לעכערלעכע שטראָפן, אָדער מ׳ווערט לגמרי באַפרייט. עס איז שוין אויך אַן אָפטע דערשיינונג, בעת אַזעלכע פּראָצעסן זאָלן פאָרקומען אָפטע דעמאָנסטראַציעס מיט סימפּאַטיע אויסדרוקן לטובת אַ געוועזענעם נאַצי.. אויך אָפענע אַנטיאידישע אַרויסטרעטונגען זיינען שוין היינט אין דייטשלאַנד נישט מער קיין זעלטנהייט.

די אָנגעצויגענע פּאָליטישע באַציאונגען צווישן מזרח און מערב האָט די שארית הפּליטה אומעטום אַריינגעבראַכט אין אַ מורא׳דיקן אומרו. מ׳וויל וואָס פריער אַנטלויפן פון די אַלע לענדער, וואָס זיינען אין צענטער פון אַ מעגלעכן קאָנפליקט. אומעטום דערקענט מען די אומרואיקייט, אַז פריער אָדער שפּעטער קען עפּעס פּאַסירן און עס וועט דעמאָלט זיין צו שפּעט. פּליטים אין די אַלע לענדער, וואָס האָבן פריער געהאַט בדעה צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָבן אויך זיך אָנגעהויבן רעגיסטרירן פאַר עליה קיין ארץ ישראל. ערשטנס גלויבט מען בכלל נישט מער אין דער רעאַלער מעגלעכקייט פון עמיגרירן קיין אַמעריקע. דער לעצטער אימיגראַציע געזעץ האָט אַ סוף געמאַכט פון יעדער אילוזיע פון באַקומען אַן אַמעריקאַנער וויזע. אין דייטשלאַנד, למשל, האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסול נאָך מיט צוויי חדשים צוריק

אינגאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן אידן אימיגראַציע וויזעס. דער קאָנ־סול — האָט מען דערציילט — האָט שוין דעמאָלט געוואַרט אויף נייע אינ־סטרוקציעס, וואָס זאָלן זיין אין גייסט פון נייעם געזעץ. צווייטנס האָט די באַ־גייסטערונג פון אידישע פליטים פאַר דער נייער מדינה געווען אַזוי פאַר־כאַפּנד, אַז דאָס האָט מיטגעריסן אפילו די, וואָס האָבן זיך נאָך געוואַקלט וואוהין צו מאַכן באַמיאונגען צו פאָרן.

עס איז נישט קיין סוד, אַז די ציוניסטישע שטימונג — ביי אַ געוויסן טייל פון דער שארית הפליטה לכל הפחות — איז אין דעם לעצטן יאָר נישט געווען אַ זייער שטאַרק געהויבענע. דאָס איז מן הסתם געווען אַ פּועל יוצא פון דער אַלגעמיינער מאָראַל, פון די פּסיכישע און פיזישעליידן, יאוש און דעפּיטיזם, פון אַ געוויסער אַגרעסיווער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון בונדיסטישע גרופּן און פון דער אַלגעמיינער שווערער פּאָליטישער סי־טואַציע אַרום ארץ ישראל. עס איז אויך נישט קיין סוד, אַז נאָך מיט 3 חדשים צוריק האָט מען געמוזט אין אַ טייל ערטער אַנווענדן אַ מאָראַלישן דרוק אויף גיוס־פליכטיקע זיי זאָלן עולה זיין.

אין דעם קריטישן פּעריאָד פאַר דער שארית הפליטה, דעם לעצטן יאָר, האָט טאַקע אונזער באַוועגונג — חברים פון די לענדער און פּאַרטיי שליחים פון ארץ ישראל — מיט די פאַרהעלטניסמעסיק באַשיידענע מיטלען פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט, באַוויזן וואונדער מיט זייער אַרבעט פון שטאַרקן, מוטיקן און צוזאַמען מיט דער חבר׳שער מאַטעריעלער הילף, איינ־פלאַנצן האָפענונג און גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, וואָס איז נאָנט. אָבער אויספירלעכער וועגן דעם וועט גערעדט ווערן אין דעם קאַפּיטל איבער אונזער הילפס אַרבעט.

דער פאַקט, אָבער, איז וואָס די געשעעניש מדינת ישראל האָטווירקלעך אַריינגעבראַכט אַ נשמה יתירה אין די אויסגעפּייניקטע און פאַרוואונדעטע גופים פון די פון אַלעמען פאַרגעסענע און פאַרשטויסענע אידישע קרבנות. עס האָט זיך אַ הויב געטאָן די אידישע פאָן איבער די אַלע לאַגערן, פליטים־צענטערן, אומזיסטע קיכן, יתומים־היימען און צוזאַמען מיט דער פאָן האָבן זיך אויפגעהויבן זייערע קעפּ. דורך יעדן אידישן מענטש אין גאַנץ אייראָפּע איז אַדורך אַ שטראָם פון אינערלעכער באַפרייאונג. דער אומגליק פון די, וואָס מוזן נאָך דערווייל פאַרבלייבן אין זייער פּיין און ליידן איז נאָך גענוג גרויס, אָבער די „האָפענונג אין זייערע הערצער איז אַ גרויסע טרייסט״.

דער זין און באַדייטונג פון אונזער הילפס אַרבעט

כדי פאַרשטיין דעם זין און באַדייטונג פון אונזער הילפס אַרבעט, מוז מען נאָך פאַרלירן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם גענזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער שארית הפליטה. עס איז נישטאָ היינט קיין ישוב אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזוי געזעלשאַפטלעך אָריענטירט, באַוואוסטזיניק און אַפילו אָרגאַניזירט, ווי דער אידישער ציבור אין אייראָפּע. אונטער דעם וואָרט „אָרגאַניזירט" דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן, אַז יעדער אידישער מענטש דאָרט באַלאַנגט דורכ־אויס צו אַ פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע (הגם אויך אין דער באַציאונג איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק), נאָר דאָס מיינט, אַז יעדן איינציקן פון זיי איז קלאָר צו וועלכער ריכטונג אין אידישן לעבן ער באַלאַנגט, אַפילו דעמאָלט ווען ער איז מיט דער ריכטונג אָפיציעל נישט פאַרבונדן. מיט דעם דערקלערן זיך די צאָלרייכע אידישע באַוועגונגען און פּאַרטייען אין יעדן אייראָפּייאישן לאַנד און אַפילו אין די לאַגערן. עס איז נישטאָ, דאַכט זיך, קיין שום פּאָליטישע פראַקציע אין אידישן לעבן, וואָס זאָל נישט האָבן אירע אָרגאַניזירטע אַנהענגער אין די ישובים פון אייראָפּע. מען שפּאָרט אָפּ פון מויל, כדי העלפן אַרויסגעבן זשורנאַלן און העקטאָגראַפישע בלעטלעך צו פאַרשטאַרקן און קרעפטיקן די אַנשויאונגען און פּראָגראַם פון דער גרופּע און אָפטמאָל איז דער צווישנ־פּאַרטייאישער אַנטאַגאַניזם און פאַרביסנקייט גרעסער ווי אין וועלכן עס איז אידישן ישוב אין די אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

עס זיינען דאָ צוויי הויפּט סיבות צו דערקלערן די דערשיינונג. קודם כל דער ריין פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, יעדער מענטש דאָרט איז פאַרבליבן אַליין און איינזאַם. ער האָט פאַרלוירן זיינע נאָנטסטע קרובים, פריינט, חברים און נאָך לאַנגע ביטערע יאָרן פון וואָגלעניש האָט ער דערפילט דעם באַדאַרף פון אַ סביבה, פון אַ קרייז מענטשן זיינס גלייכן, און אַ וואַרימען ווינקל, וואָס זאָל זיין אַן אָנשפּאַר און אַן אָנהאַלט אין לעבן. די צווייטע סיבה איז פון אַ מאַטעריעלן כאַראַקטער, זיין אַ מיטגליד פון אַ באַשטימטער גרופּע מיינט האָפענונג אויף לינדערן אַביסל די נויט, דערשלאָגן זיך צו אַ שטיקל מאַטער־יעלער פּאָזיציע און אַן אויסזיכט צו דערגרייכן אַמאָל צו אַ האָפן.

דערפאַר איז יעדע איינציקע הילפס אינסטיטוציע אין אייראָפּע — אַ קינדער־היים, אַן אומזיסטע קיך, אַ ביבליאָטעק, אַ פּליטים־צענטער, אַ וואַר־שטאַט אָדער אַ קיבוץ — אַ פּאָזיציע און אַ פעסטונג פון אַ באַשטימטער ריכטונג, ווייל דאָס איז גלייכצייטיק פאַר דעם פּליט זיין ווינקל און אַ שטיק

הים, וואָס פאַרלייכטערט זיינע יסורים אין דער געגנוואַרט און גיט אים אַ האָפנונג אויף דער צוקונפט.

צוליב דער זעלבער סיבה האָט דאַגעגן דער אַלגעמיינער אידישער רעליף נישט געשלאָגן קיין שום וואָרצלען און נישט געהאַט די מינדסטע השפעה אויף דעם אַלגעמיינעם לעבן פון אידישן ציבור. די צענדליקער מיליאָנען פון „דזשאָינט" האָבן זיכער אַ היסטאָריש גרויסן פאַרדינסט אויף דעם געביט פון אויפהאַלטן און שטיצן אידישע מאַסן אויף אַ „חיי שעה" אופן, וואָס דויערט שוין איבער דריי יאָר. אָבער דאָס איז געווען און עס איז בלויז „רעליף", וואָס טראָגט נישט מיט זיך אפילו קיין שמץ פון ווירקונג אויף דעם פסיכישן און גייסטיקן לעבן פון דער שארית הפליטה. דאָס געשעט נישט בלויז צוליב דעם, וואָס דער אַלגעמיינער אידישער רעליף אַנטהאַלט נישט אין זיך, בדרך כלל, קיין שום קאָנסטרוקטיוון עלעמענט און אויך נישט מחמת דעם, וואָס ער שטיצט אין אייראָפּע אין דער זעלבער מאָס אַלע ריכטונגען פון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס, פאַר אַלע גלייך, ווייל ער קאָן נישט מאַכן אויף דעם געביט קיין שום אונטערשייד — נאָר ווייל זיין עצם צוגאַנג און מעטאָדן זיינען ריין פילאַנטראָפּישע אָן אַ סימן פון אינטערעס פון וועלכן עס איז נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. ווי אַ שטייגער עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן העלפן נאָך אַ פּאָגראָם פון אַמאָליקע צייטן און נישט נאָך דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן חורבן פון אַ פאָלק וועמעס אָפּגעראַטעוועטע מאַרטירער נויטיקן זיך פונקט אַזוי אין רפואת הנפש ווי אין רפואת הגוף. אויף דער אינסטאַלירונג פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין פּאַריז, האָט אַ באַקאַנטער אידישער דיכטער און שרייבער זיך אויסגעדריקט אין זיין רעדע, אַז דער אונטערשייד פון אַלגעמיינעם אידישן רעליף ביז אונזער הילפס אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער זעט פאַר זיך אין זיין אַרבעט נאָר פליטים, פליכטלינגען; הונדערט פליטים, טויזנט פליטים, הונדערט טויזנט פליטים, ער זעט אַ מאַסע, אָבער קיינמאָל נישט דאָס פאָלק; אין דער צייט וואָס אונזערע אינסטיטוציעס אין אייראָפּע אין זייער אַרבעט זעען דאָס פאָלק אין דער הילף פאַר יעדן איינציקן פליט און אין יעדן אידישן קינד וואָס ווערט געראַטעוועט. מיט אַנדערע ווערטער, דער אידייאישער מאָמענט אין דער הילפס טעטיקייט, וואָס האָט אַן אומגעהויערע דערציערישע באַדייטונג און געזעלשאַפטלעכע ווירקונג, איז נאָר פאַראַן ווען דאָס ווערט געמאַכט פון ריכטונגען אין אידישן לעבן, מחוץ דער אָפיציעלער פילאַנטראָפּיע.

די פעסטשטעלונג איז נאַטירלעך נוגע אַלע ריכטונגען. עס שיינט, למשל, פאַר אוממעגלעך די עקזיסטענץ און טעטיקייט פון די אַנטי־ציוניסטישע

גרופּן אין דער שארית הפליטה, ווען זיי וואָלטן נישט באַקומען די געהעריקע מאַטעריעלע שטיצע פון אויסלאַנד, מיט דער דערמוטיקונג וואָס קומט צוזאַמען מיט דער הילף פאַר דער איינשטעלונג. דאָס זעלבע איז אמת בנוגע די עקסטרעם לינקע ריכטונגען און אין באַצוג צו די ציוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען.

פונקט ווי אין דער ניט אידישער אייראָפּע, דער „מאַרשאַל פּלאַן”, האָט זיין אומגעהויערע פּאָליטישע ווירקונג און האָט שוין אויף זיין קרעדיט לכל הפחות איין לאַנד, איטאַליע, וואָס איז דורך אים אַרויסגעריסן געוואָרן פון קאָמוניסטישער הערשאַפט, אַזוי האָט אויך, אין מיניאַטור, אַ טיפע ווירקונג אויף אַ דאָרטיקן אידישן ציבור יעדע הילף פון אַן אידייאישער באַוועגונג וואָס ברענגט צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער הילף אויך האָפנונג, גלויבן — אַן אינהאַלט און אַן אויסזיכט אין לעבן.

דער פּראָבלעם איז לעצטנס געוואָרן נאָך שאַרפער, ספּעציעל פאַר אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע, צוליב פאָלגנדע טעמים: דער „דזשאָינט” האָט לעצטנס רעדוצירט זיינע סובסידיעס אויף אַ דראַסטישן אופן. גענוג צו דערמאָנען, אַז אייניקע קינדער־היימען אין פראַנקרייך, וואָס ווערן אָנגעפירט פון אונזערע חברים, האָבן אין לעצטן חודש באַקומען אַ מעלדונג פון דער „דזשאָינט” ליטונג, אַז די סובסידיעס וואָס זיי פלעגן פון אים באַקומען וועלן געשניטן ווערן מיט 30%. אין דער זעלבער, מער וויניקער, פּראָפּאָרציע ווערן אויך געשניטן די סובסידיעס פאַר אַנדערע הילפס אינסטיטוציעס. דאָס מיינט, אַז דער חלק הילף פון אונזער קאָמיטעט פאַר די אַלע אָרגאַניזאַציעס מוז שוין איצט פאַרגרעסערט ווערן אין אַ מאָס, וואָס זאָל דערמעגלעכן זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ און עס זאָל פאַר זיי אויסגעמיטן ווערן אַ קאַטאַסטראָפע.

אונזער לאַגע איז, ווי געזאָגט, ספּעציעל שווער מחמת דעם פאַקט, וואָס דער גרויסער רוב אין אַלע אידישע ישובים אין אייראָפּע באַשטייט פון מענטשן, וואָס זיינען פאַקטיש אָדער פּאָטענציאָנעל פון אונזער באַוועגונג. זיי זיינען מענטשן פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער לאַגער. אַזעלכע וואָס האָבן אונטער זיך אַ סטאַזש פון לאַנגע יאָרן טעטיקייטן און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך לעצטנס צו אונז דערנענטערט. זיי קומען צו אונז אין די טויזנטער אין יעדן לאַנד. אונזערע אינסטיטוציעס זיינען פאַר זיי דער ערשטער און איינציקער אַדרעס. אפילו ווען זיי מוזן — צוליב אונזער דוחק — אָנקומען נאָך אַביסל הילף צו אַנדערע ריכטונגען, האַלטן זיי זיך דאָרט פאַר אנוסים און קומען צו אונז צולויפן אויף יעדן רוף. די מענטשן לעבן מיט ארץ־ישראל, וואָס איז

פאַר זיי אַלץ אין לעבן. און דערפאַר איז ביטער דער נסיון, ווען עס קומט אויס אייגענע חברים אוועקצולאָזן אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז זיי פרעמד און פיינלעך — אין אַ געגנערישן לאַגער, וואו זיי דאַרפן זיך באַהאַלטן מיט זייער אינטימסטן גלויבן און אידייאישע איבערצייגונגען, נאָר דערפאַר, ווייל עס סטייעט נישט פאַר זיי דאָס קליינע ביסל הילף. אונזער פליטים־קיך אין האַרץ פון אידישן פאַריז, וואָס גיט אַרויס 500 מאָלצייטן האָט זיך אָנהויב זומער געמוזט שליסן אויף אַ פאַר וואָכן און פיל אונזערע חברים האָבן אי־בערגעלעבט אַ טראַגעדיע און נישט געקענט פועלן ביי זיך צו גיין עסן אין אַן אַנדער קיך, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון אַ ריכטונג, וואָס האָט אונז יאָרן לאַנג באַטראַכט און באַקעמפט אַלס שונאים.

דער „דזשאָינט" האָט נישט אין די לענדער קיין אייגענע הילפס־אינ־סטיטוציעס, נאָר שטיצט מיט געוויסע סובסידיעס די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן און ווערן אָנגעפירט דורך פאַרשידענע אידישע ריכטונ־גען. דאָס מיינט, אַז אויף וויפל אונזערע דאָרטיקע קאָמיטעטן האָבן אונזערע מיטלען אויף אַזויפיל קענען זיי געניסן פון דער אַלגעמיינער אידישער הילף. אויב, לאָמיר אָננעמען, דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט מוז רעדוצירן זיינע מיטלען אין אַ באַשטימטן לאַנד פאַר אַ געוויסער אינסטיטוציע, זיינען מיר דורכדעם גורם, אַז די אינסטיטוציע זאָל זיך שליסן, ווייל דער „דזשאָינט" באַטייליקט זיך נאָר מיט זיין שטיצע אין אַ באַשטימטער פּראָפּאָרציע, וואָס פון דעם אַליין קען די אינסטיטוציע נישט עקזיסטירן. דורך דער ליקווידירונג פון אונזער הילפס אינסטיטוציע זיינען מיר ווייטער גורם, אַז די סומע געלט פון אַלגעמיינעם אידישן רעליף, זאָל אַוועק צו אַן אַנדער ריכטונג, וועלכע באַקומט מער מיטלען פון אירע פאַרבינדעטע. נאָך ערגער איז די לאַגע אין די לענדער אונטער דער סאָוויעטישער קאָנטראָל, וואו דעם דזשאָינט'ס גאַנצע טעטיקייט ווערט על פי רוב דאָמינירט פון לינקע עלעמענטן. דאָרט זיינען אונזערע מיטלען אָפט די איינציקע, אויף וועלכע אונזערע באַוועגונגען קענען זיך שטיצן אין זייער מאַטעריעלער נויט און אין זייער דראַנג פאַר אידייאישער ווירקונג. די פאַרשטאַרקטע עליה אין דעם יאָר האָט נאָר אין אַ קליינער מאָס פאַרלייכטערט דעם פליטים פּראָבלעם. דערפאַר ווייל אין דעם זעלבן פעריאָד זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אידן פון אייניקע לענדער, וואָס זיינען שוין איינ־גאַנצן אָדער האַלב געווען פאַרשלאָסן פאַר עמיגראַציע. פון דער אַנדערער זייט האָט למשל, דער „דזשאָינט" געמוזט באַדייטנד פאַרקלענערן זיינע בודזשעטן פאַר אייראָפּע, צוליב זיין אָנטייל אין די הוצאות פון די אידן וועלכע האָבן עולה געווען קיין ישראל.

די פאָרמען פון אונזער הילפס אַרבעט

איך וויל אין דעם באַריכט נאָר רעדן וועגן אונזערע הילפס טעטיקייט, אין די לענדער: פראַנקרייך, בעלגיע, שווייץ און איטאַליע, וועלכע איך האָב אויף מיין איצטיקער רייזע באַזוכט. צווישן די פיר מערב אייראָפּעאישע לענ־דער פאַרנעמט פראַנקרייך דאָס ערשטע אָרט און בעלגיע דאָס לעצטע. דאָס איז באַרעכטיקט אין דער פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון די אידישע ישובים אין די לענדער און זייער עקאָנאָמישן מצב.

קינדער־היימען

אָסקאָר גאָרין היים

אונזערע חברים און פריינט אין אַמעריקע זיינען שוין גוט באַקאַנט מיט דער דאָזיקער פאָרמע פון אונזער הילפס טעטי־קייט. ווי איבעראַשט מוז אָבער יעדער פון אונז ווערן ווען ער קומט קיין פראַנקרייך און דערזעט דעם פאַרנעם פון דעם געביט און פאַרשטייט די דרינגנדע וויכטיקייט און די גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון דער אַרבעט! בלויז אין פראַנקרייך געפינען זיך קנאַפּע טויזנט קינדער אונטער דער השגחה פון אונזערע חברים. יעדע איינציקע קינדער־היים איז אַ וועלט פאַר זיך, מיט אַן אייגענער געשיכטע און אָפּשטאַמונג.

צוזאַמען מיט חברה חנה ספעקטאָר־גאָרין און איר שוועסטער שושנה האָבן מיר זיך באַטייליקט אין דער פייערלעכקייט פון אנרופן די קינדער־היים אין סעסיע, נעבן דער גרויסער שטאָט ליאָן, אויף דעם נאָמען פון איר יונג פאַרשטאָרבענעם מאַן, חבר אָסקאָר גאָרין. דאָס איז געווען אַ באַשלוס פון אונזער עקזעקוטיווע, אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר אָסקאָר גאָרין׳ס איבערגעבנקייט און זאָרג, אין זיינע לעצטע יאָרן, פאַר אידישע יתומים אין אייראָפּע. אין דער פייערלעכקייט האָבן זיך, אַחוץ די הונדערטער געסט, אויך באַטייליקט דעלעגאַציעס פון ליאָנער ראַבינאַט, קהלה, פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, פון דער געזעלשאַפט „אפעזש״, אונטער וועמענס לייטונג די קינ־דער־היים געפינט זיך, און פון פיל אַנדערע קערפּערשאַפטן.

אַלע קינדער אין דעם היים, מיט דעם אויסנאַם פון איין קינד, שטאַמען פון צפון אַפריקע, אידישע קינדערלעך פון אַלזשיר, טוניס און מאַראָקאָ. די עלטערן פון די קינדער זיינען אומגעקומען פון נאַציס און פון דער ווישי פּאָלי־ציי. פיל פון זיי זיינען טאַקע אומגעקומען אין די דערמאָנטע קאָלאָניעס, דורך אַראַבער און ווישי לייט, אין זייערע היימען. אַנדערע קינדער האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן אין ליאָן (פראַנקרייך) גופא. די הויט ביי די קינדער איז שטאַרק טונקל און פון די אויגעלעך שפריצט אַ ליכטיק פייער פון ליבע. זיי

זיינען אין עלטער פון 4 ביז 14 יאָר. יעדעס איינציק קינד, אַחוץ די גאָר יונגע, ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיינע עלטערן. די טראַגישע פּאַסירונגען האָבן זיך איינגעקריצט אין זייערע מח׳לעך און דער מינדעסטער עפּיזאָד אין פאַרבינדונג מיט דער פּאַסירונג, ווערט דורך זיי געשילדערט בילדלעך, ווי דאָס וואָלט אקאָרשט געשען. מען דערקענט אַז דאָס איז נישט אויסגעטראַכט, אָדער איינגע׳חזר׳ט, נאָר טיף איינגעקריצט אין דער נשמה פונ׳ם קינד. אַ מיידעלע פון קאלאמבעשאַד, מאַראָקאָ, וועמענס מוטער געפינט זיך שוין ביי די „מלאכים אין הימל" ווייס צו דערציילן געגוי די לעצטע ווערטער פון איר מאַמע און די קליידער וואָס זי האָט געטראָגן, איידער די „בייזע מענטשן" האָבן זי אַוועקגעפירט פון דערהיים. אויך די זכרונות פון זייער אייגן לעבן נאָך דער „פּאַסירונג" זיינען ביי זיי לעבעדיק און פריש. מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און פּרעציזיטעט וועלן אייך די מערסטע קינדער דערציילן ווי אַזוי זיי זיינען אַהער געראַטעוועט געוואָרן. וועלכע זיינען געווען זייערע זאָרגן בעת זיי זיינען געווען הפקר, אָדער כמעט ווי הפקר, ווי זיי האָבן זיך געשראָקן אין אָנהויב פאַר די נייע מענטשן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אין דער קינדער־היים און ווי גרויס איז שפּעטער געווען זייער איבעראַשונג ווען זיי האָבן געזען ווי גוט עס איז דאָ.

יעדער איינציקער פון די מדריכים וואָלט געקענט אַ גאַנץ בוך אָנשרייבן וועגן דער פּסיכישער טראַנספאָרמאַציע, וואָס די קינדער האָבן דורכגעמאַכט ביז עס איז פון זיי געוואָרן דאָס, וואָס זיי זיינען איצט. די בשותפות׳דיקע כאַראַקטער־שטריכן פון אַלע קינדער זיינען געווען ווילדקייט, נייגונג פאַר גנבה און שרעקלעכער אומצוטרוי. עס זיינען צווישן זיי געווען 7 און 8 יעריקע קינדער, וואָס האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוואוינען צו עסן מיט אַ לעפל; עלטערע קינדער, וואָס זיינען געווען שרעקלעך פאַרדאָרבן מיט אינ־סטינקטן פון פאַרברעכער. היינט קען מען שוין אפילו קיין סימן נישט געפינען אין דער קינדערס אויפפירונג פון זייערע אַמאָליקע נייגונגען. אַלע זיינען זיי ליבע און פרייע קינדער מיט אַ טיפער דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פאַר אַלעם, וואָס ווערט פאַר זיי געטאָן; זייער ענטוזיאַזם און דרך ארץ פאַר די „געסט פון אַמעריקע" האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ באַציאונג צו אַ טייערן, נאָענטן קרוב. עס איז ווירקלעך געווען שטאַרק רירנד צו באַמערקן זייערע באַמיאונגען — אין זייער אויפפירונג, ביים עסן, בעת זייערע פאָרשטעלונגען און בעת דער גאַנצער צערעמאָניע פון אַ נאָמען געבן דער היים „אָסקאַר גאָרין" — צו מאַכן אויף אונז אַ גוטן איינדרוק און געווינען אונזער סימפּאַטיע און פריינטשאַפט.

ראָוז גיטענ־שטיין היים

דעם צווייטן שיינעם קינדער יום־טוב, האָבן מיר בייגעוואוינט אין דער היים אויפן נאָמען פון ראָוז גיטענשטיין. די קינדער־היים ווערט געשטיצט דורך דער באַקאַנטער אָרגאַניזאַציע „פעדערעישן אָף יוראָפּיען רעליף״, וואָס פירט איר הילפס טעטיקייט פאַר איראָפּע דורך דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט.

אַלע קינדער אין דער היים שטאַמען פון פוילן. פיל פון זיי זיינען ווירקלעך אַרויסגעריסן געוואָרן פון די פלאַמען פון די אידישע געטאָס. דעם גרעסטן פאַרדינסט אין הערצאישער רעטונגס אַרבעט האָט חברה לענאָ קיכלער, וואָס איז געווען דער משיח פון די קינדער, זיי אויסבאַהאַלטן יאָרנ־לאַנג פון אַלעם בייזן און איז זייער מאַמע און דערציערין ביזן היינטיקן טאָג. וועגן אייניקע פון די קינדער האָט מען אַפילו זייערע נעמען נישט געוואוסט און ערשט נאָכן אָנקומען קיין פראַנקרייך, אויף אַ רואיקן און זיכערן אָרט, האָט מען די דאָזיקע קינדער געגעבן נעמען. איין קינד האָט באַקומען דעם נאָמען יוסף בוכענוואַלד, צו פאַראייביקן לזכרון דעם אידישן אומגליק אין דעם טרויעריק באַרימטן קאָנצענטראַציע לאַגער בוכענוואַלד. אַ צווייט קינד הייסט גוזשיק, נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם „דזשאָינט״ דירעקטאָר אין וואַרשע גוזשיק, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן אונזערע קינ־דער אין פוילן. אַ דריט קינד שמחה קאַרטשאַק, נאָך דעם באַרימטן קינדער פריינט אין פוילן, ד״ר קאַרטשאַק. א. א. וו.

אין דער קינדער־היים איז די אַטמאָספערע אינגאַנצן אַן ארץ־ישראלדיקע. די קינדער, צוליב דעם, ווייל זיי ווערן צוגעגרייט פאַר עליה, ווערן זיי, אָן שום קאָמפּראָמיסן, דערצויגן אין דעם גייסט. אַלע לימודים אין דער היים זיינען עברית בעברית. אפילו פיזיק, געאָגראַפיע און מאַטעמאַטיק ווערן געלערנט אין העברעאיש.

דער יום־טוב, וואָס מיר האָבן בייגעוואוינט אין דער קינדער־היים, איז געווען דער סיום פון שול־יאָר. עס זיינען פאָרגעקומען פאַרשטעלונגען, מען האָט געהערט רעציטאַציעס, געזאַנג און אפילו רעדעס. — אַלץ אין אַ נאַ־טירלעכן העברעאיש. די גאַנצע שמחה איז געווען אַזוי פאַטעטיש, טיף רירנד און עמאָציאָנעל, אַז עס האָט דורכגעדרונגען יעדן איינציקן. אַ שמחה אָנגע־פילט מיט אַ וועלט מיט צער. מען האָט געקוקט אויף די קינדערלעך און אין זייערע אייגעלעך האָט מען געזען די פרייד אין אַ ים פון טיפער נשמה בענקעניש, ווי נאָר קינדער קענען בענקען. זיי זיינען גליקלעך און דאָך קען מען אָראָפּ־לייענען די גאַנצע אידישע טראַגעדיע פון זייערע פנים׳לעך. מען דאַרף זיין

גאַר שטאַרק, נישט אויפגעטרייסלט צו ווערן פון דער לעבעדיקער דראַמע. אַט רעדט צו די קינדער די לייטערין פון דער היים, חברה קיכלער. זי רעדט אין העברעאיש און דאָס איז דער תוכן פון דער רעדע:

„פאַר אַלע קינדער אין דער וועלט, אידישע און נישט אידישע, איז דאָס ענדיקן דעם שול־יאָר אַ גרויסע געשעניש. דאָס איז אַ יום־טוב פאַר זיי, פאַר די קינדער, און פאַר זייערע עלטערן. די עלטערן זיינען זייער אומרואיק און נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי זייערע קינדער האָבן זיך געלערנט אַ גאַנץ יאָר. עס זיינען פאַראַן טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן אפילו נישט קיין געדולד צו וואַרטן ביי זיך אין דער היים און זיי קומען צולויפן צום טויער פון דער שולע מקבל פנים צו זיין זייער קינד, כדי אים טרייסטן פאַר די נישט געהויבענע רעזולטאַטן פון אַ גאַנץ יאָר לערנען, אָדער די ערשטע אים צו גראַטולירן פאַר זיינע אויסצייכנונגען.

„מיט אייך ליבע קינדער איז עפּעס אַנדערש... איר ווייסט וואָס דער שונא פון אונזער פאָלק האָט געטאָן מיט מיליאָנען אונזערע ברידער און שוועס־טער צוזאַמען מיט זייערע קינדער. איר ווייסט, אַז איר זייט פון דער קליינער צאָל אידישע קינדער, וועמען דער שונא האָט נישט באַוויזן אומצוברענגען. יעדער פון אייך ווייסט אויך, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין טאַטע און מאַמע. אייערע טאַטעס און מאַמעס זיינען די קדושים פון אונזער פאָלק. אַלע זיינען זיי אומגעקומען על קידוש השם וקידוש העם. זיי זיינען דעריבער דאָ נישטאָ צו זען וואָס פאַר אַ טייערע קינדער איר אַלע זענט און ווי גרויס עס איז ביי אייך די תשוקה צו זיין די בויער און קעמפער פון דער אידישער מדינה. איר זענט אָבער ניט אַליין. איר ווייסט ווי מען זאָרגט פאַר אייך, וויפל מענטשן עס אינטערעסירן זיך מיט אייער גורל ביז איר וועט אויפוואַקסן אַלס פרייע שטאָל־צע בירגער אין אונזער לאַנד. די בריוו און די מתנות, וואָס איר באַקומט פון דעם וויטן לאַנד אַמעריקע, איז אויך אַן אויסדרוק פון דער ליבע, וואָס רינגלט אייך אַרום. די געסט, וואָס מיר האָבן דאָ היינט, באַמיען זיך צו זיין פאַר אייך טאַטעס און מאַמעס. איר דאַרפט דעריבער ווייטער אָפּהיטן צו זיין גוטע קינ־דער, זיך גוט לערנען, זיין שטאָלץ מיט אייערע עלטערן און ליב האָבן אונזער פאָלק און אונזער טייער לאַנד".

איך גלויב נישט, אַז וועלכע עס איז פייערלעכקייט, פון אַ קאָלעקטיווער שבועה, אַ נדר, אַ הזכרות נשמות קאָן זיין שטאַרקער פון דער רעדע און פשוט׳ע ווערטער ביי דער געלעגנהייט און אין דער אַטמאָספערע, אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען. דאָס איז נישט קיין גוזמא, אַז אייניקע פון אונז, געסט,

זיינען פון דער „איינפאַכער" צערעמאָניע אַזוי צעטרייסלט געוואָרן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין כח צו בלייבן ביזן סוף.

קינדער היים אין „לע־שו"

פון אַ גאַנץ אַנדער „אָפּשטאַמונג" איז, ווייטער, די קינדער היים אין „לע־שו", צוויי שעה פון פּאַריז. אין דער היים געפינען זיך הונדערט און עטלעכע צוואַנציק קינדער — אַלע פון דער באַרימטער רעפּאַטריאַציע פון סאָוועט רוסלאַנד. אַלע קינדער זיינען דאַכט זיך, געבוירן אין פּוילן, אָבער זיי זיינען אין אָנהויב מלחמה אוועקגענומען געוואָרן, מערסטנטייל שוין נאָך דעם טויט פון זייערע עלטערן, אַנדערע מיט זייער טאַטע מאַמע און זיינען אין סאָוועט רוסלאַנד געוואָרן יתומים. שפּעטער, נאָך דער מלחמה, ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט דערלויבט פּוילישע בירגער צוריקצופאָרן קיין פּוילן, זיינען אויך די קינדער אַהין געבראַכט געוואָרן און פון דאָרט קיין פראַנקרייך.

אַלע קינדער פון דער היים זיינען „דערצויגן" געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס הייסט, זיי האָבן זיך געוואַלגערט און געווען נע ונד, פאַרלאָזן און הפקר אין די וויטסטע ווינקלען פון סיביר. אייניקע קינדער האָבן זיך אַליין „אויסגעהאַלטן" אין שכנות פון די אַרמיי צענטערן און אַלס פּאַרטיזאַנען. דאָס איז אַ קיבוץ גליות פון אידישע פאַרוואָגלטע קינדער פון אַלע טיילן פון דער סאָוועטישער מדינה. זיי וואָלטן מן־הסתם אונטערגעגאַנגען, ווען נישט דער מסירת־נפש דאָסמאָל פון חברים פון השומר הצעיר, וואָס האָבן גלייך נאָך דער מלחמה באוויזן וואונדער אין דער אַרבעט פון איינזאַמלען די עלענדע אידישע קינדער, ספּעציעל אין סאָוועט רוסלאַנד און זיי ברענגען אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ האָפן קיין ארץ־ישראל.

די היים אין „לע־שו" איז די אָרימסטע פון די אַלע קינדער־היימען, וואָס ווערן געשטיצט פונם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. מען זעט דאָס לויט די מלבושים פון די קינדער.

סוף יוני בין איך דאָרט געווען צום ערשטן מאָל אויף אַן אייגנאַרטיקן יום־טוב. עס איז פאָרגעקומען אַ געזעגן־אָוונט פאַר די עלטסטע 10 קינדער, אַלע אין עלטער פון 16 יאָר, וואָס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פאַר עליה און איינגעשלאָסן צו ווערן אין דער הגנה. די אַלע 10 צוקונפטיקע הגנה־מענטשן, זיינען מיט אַ יאָר צוריק, בעת זיי זיינען אַלט געווען 15 יאָר, שוין איינמאָל באַשטעטיקט געוואָרן פאַר עליה, אָבער דעמאָלט איז דאָס געווען „עליה ב'". זיי זיינען דעמאָלט אַוועק מיט דער באַרימטער שיף „עקזאָדוס". נאָך דעם ווי זיי זיינען

צוגעקומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל, האָבן זיך פּאָר זיי ערשט אָנגעהויבן די וואַנדערנישן איבער ים׳ען און לענדער און קאַמפן מיט די ענגלישע חילות, פון וועלכע צוויי פון די 10 קינדער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און ענדלעך געמוזט פאַרלאָזן די שיף אין אַ פּאָרט אין דייטשלאַנד פון וואַנען זיי זיינען צו־ריקגעקומען אין זייער קינדער־היים „לע־שו“ אין פראַנקרייך. איצט בין איך געווען אַ גאַסט אויף דער פייערלעכקייט פון געזעגענען זיך מיט זיי אויפס־ניי, אָבער דאָסמאָל נישט אַלס מעפּילים אין דעם מאַנדאַטן לאַנד פון ענגלאַנד, נאָר אַלס פרייע און לעגאַלע עולים מיט אידישע וויזעס אין דער אידישער מדינה.

דער באַנקעט איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל פון דער קינדער־היים מיט אַ שטיינערדיקער פּאָדלאָגע. עס איז דעמאָלט געווען אין פראַנקרייך אַ ביטערע קעלט, כמעט אַ פראָסט. די פּאָר חברים פון פּאַריז, וואָס זיינען מיט מיר מיטגעקומען אַהין, זיינען אַלע געזעסן אין מאַנטלען און אפילו דעמאָלט האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. איך בין דעריבער געוואָרן שרעקלעך איבער־ראַשט צו זען צווישן דעם עולם קינדער, אַ 15, דווקא אינגערע קינדער, איינ־גאַנצן מיט באָרוועסע פיסלעך. דאָס איז געווען שרעקלעך צו זען אין דער קעלט, ווען אפילו וואַרעם אָנגעטאָן איז נישט גענוגענט, אין אַזאַ קאַלטן צי־מער זאָלן זיצן אויף דער פייערלעכער מסיבה, קליינע קינדער מיט באָרוועסע פיסלעך אויף דער אייז קאַלטער שטיינערדיקער פּאָדלאָגע. איך האָב אָנגע־הויבן צו רעדן מיט די מדריכים (כמעט אַלע חברים פון ארץ ישראל) מיט אַ געוויסער אויפרעגונג וועגן דעם. זיי האָבן זיך באַמיט מיך צו באַרואיקן קודם־כל מיט דעם תירוץ, אַז אַלע קינדער האָבן דורכגעמאַכט די קאַלטסטע ווינטערן אין אַזיאַטישן טייל פון רוסלאַנד און וואָס וואָס, אָבער צו קעלט קענען זיי זיך אַדאַפּטירן, זיי זיינען גענוג געהאַרטעוועט און אויסהאַלטעוודיק אויף קעלט. אַחוץ דעם — גייט שוין איצט סיי־ווי־סיי צו וואַרעמע ווינטערן. און ערשט צום סוף, ווען איך האָב מבטל געמאַכט זייערע אַרגומענטן, איז געקומען דער פשוט׳ער טעם: אוממעגלעך צו פאַרזאָרגן אַלע קינדער מיט שיך. אויף דעם סטאַיעט בשום אופן נישט. איך האָב דעמאָלט געפאָדערט, אַז פון דער סומע, וואָס זיי האָבן אין דער צייט באַקומען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט, זאָל קודם־כל אַראָפּגענומען ווערן געלט צו קויפן 15 פּאָר שיכלעך פאַר די קינדער, וואָס גייען אַרום באָרוועס. מען האָט מיר דאָס צוגעזאָגט און איך האָף, אַז די הבטחה איז מקוים געוואָרן.

די אָרעמקייט אָבער אין דער היים זעט זיך אָן אַחוץ אין דער בויט

פראַגע פון שיך פאַר די קינדער, אין וועש, מלבושים. קליידונג דאַרף אַהין געשיקט ווערן — אַחוץ אונזער נאָרמאַלער סובסידיע.

די קינדער רעדן צווישן זיך אידיש. פאַר אַלע איז אידיש די אינטימסטע און נאַטירלעכע שפּראַך, אָבער לערנען, לערנען זיי העברעאיש (די לערער זיינען אַלע חברים פון ארץ־ישראל) און זיי גרייטן זיך צו פאַר לעבן אין דער אידישער מדינה.

אין סעלווינאַ קינדער־היים

אין געגנזאַץ צו דער קינדער׳ס אָפּשטאַמונג אין די דערמאָנטע דריי קינדער־היימען — „אָסקאַר גאָרין" היים — צפון אַפּריקאַנער קינדער; „ראָוז גיטענשטיין" היים — קינדער פון פוילן; די היים אין „לע־שו" — קינדער, וואָס האָבן זיך געכאָוועט אין סאָוועט־רוסלאַנד — באַשטייט די היים אין סעלווינאַ, איטאַליע פון אידישע קינדער פון אַלע טיילן אין אייראָפּע. סעלווינאַ איז אַן איזאָלירט דאָרף אויף אַ הויכן באַרג צופוסנס פון דעם גרויסן אינדוסטריעלן צענטער מילאַנאָ. די קינדער־היים, וואָס ווערט היינט פאַרוואַלטעט פון חברים פון דגניה ב׳ און פון קבוצת שילר, איז געבויט געוואָרן פון דעם געוועזענעם דיקטאַטאָר פון איטאַליע, בעניטאָ מוסאָליני...

דער סיפור המעשה פון דער קינדער אינסטיטוציע איז פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער אידישער בריגאַדע, ערב דעם סוף פון דער מלחמה. חבר משה זעירי פון קבוצת שילר, אַ מיטגליד פון דער בריגאַדע, האָט צוזאַמען מיט נאָך אַ צאָל אידישע זעלנער זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן און איינזאַמלען אידישע קינדערלעך אויף אַלע זייערע זיגרייכע וועגן, ווען די נאַצישע מאַכט האָט שוין אָנגעהויבן קראַכן. פיל פון די אידישע קינדער זיינען ווירקלעך געווען די „קעסט קינדער" פון דער אידישער בריגאַדע און האָבן זיי באַגלייט אויף אַ גרויסן שטח פון אייראָפּע. ווען די אידישע בריגאַדע, אַלס אַ טייל פון די אַלאירטע אַרמייען, זיינען אויף זייער וועג צו פאַרנעמען מילאַנאָ, אַריבער דאָס בערגישע דערפל, וואָס הייסט סעלווינאַ, האָט דאָרט משה זעירי אַנטדעקט אַ פּראַכטפולע, מאָדערנע געביידע, געבויט מיט גרויס לוקסוס אויפן שפּיץ פון באַרג. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז די געביידע איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון די מעצענאַטן פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי אַלס אַ היים פאַר די קינדער פון פאַרדינסטפולע און געפאַלענע פאַשיסטן. די קינדער זיינען, זעט אויס, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג באַצייטנס געוואָרן עוואַקואירט, אויס פּחד פאַר די אָנקומענדע אַליאירטע אַרמייען און די געביידע איז געוועזן פּוסט.

אַ טאָג שפּעטער איז מילאַנאָ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַליאירטע אַרמייען און אין דער, דורך די פאַשיסטן געבויטער, קינדער־היים אין סעלווינאַ האָבן זיך שוין געפונען איבער הונדערט אידישע קינדערלעך, יתומים פון אומגעבראַכטע אידן, פון גאַנץ אייראָפּע.

אויף דעם הויף געפינט זיך נאָך דער ביוסט פון מוסאָליני, געמאַכט פון אַ באַרימטן סקולפּטאָר צוזאַמען מיט דער רעדע, אויסגעקריצט אויף אַ מאַרמאָר שטיין, וואָס מוסאָליני האָט געהאַלטן ביי דער דערעפנונג פון דער היים. אויף אַן אַנדער זייט קען מען ווייטער לייענען, אויך אויף מאַרמאָר, די נעמען און די סומעס פון די פאַשיסטישע אדל־לייט און מנדבים, וואָס זיינען פאַראייביקט געוואָרן אויף דער „מזרח־וואַנט". עס איז אפילו דאָרט דאָ אַ ספּעציעל צימער טאַקע פאַר מוסאָליני׳ן, ער זאָל זיך קענען אויסרוען, ווען ער פלעגט אַהער קומען צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם „קומנדיקן דור", כדי מן־הסתם זיך אַליין באַרואיקן וועגן דער אייביקייט פון פאַשיזם.

די היים פאַר אידישע יתומים — וואָס ווען נישט די אויסערגעוויינלעכע באַקוועמלעכקייטן און לוקסוס איינריכטונגען, וואָלט איך דאָס אָנגערופן „דגניה ג'" — איז אַן אינזעלע פון אַרבעטער ציוניסטישער התמדה און טיפן ציוניסטישן דענקען אין סאַמע צענטער פון דער אַנגעלאָדענער אייראָפּע ווי אַ וואולקאַן ערב אַן אויסברוך.

דורך דער היים, געבויט אויף דעם באַפעל פון מוסאָליני, זיינען שוין דורכגעגאַנגען אין די לעצטע 3 יאָר אַ פּאָר הונדערט קינדער, וואָס געפינען זיך שוין אין ארץ ישראל. די עלטערע צווישן זיי זיינען אַלע קעמפער אין דער הגנה. איך האָב געלייענט פיל בריוו פון די היינטיקע הגנה זעלנער און נעכטיקע אָפּגעראַטעוועטע קינדער, פיל מיט מוט, שטאָלץ, ליבע און געטריישאַפט צו זייער אמת׳ער היים, די היים פון גאַנצן פאָלק. יעדער עפּיזאָד פון זייער שווערן און סכנה׳דיקן לעבן אויפן פראָנט ווערט באַשריבן מיט אַ לייכטער פשטות, מיט הומאָר און צוטרוי, און גלויבן צו דערפילן זייער מיסיע בשלימות. זייער אינטערעס פאַר דער קינדער־היים אין סעלווינאַ, איז ווי אַ באַציאונג צו דער אַלטער היים, וואָס מוז עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען, כדי מכשיר צו זיין נייע קאַדרען אין גייסט פון אַרבעטער־ציוניזם. דאָס איז ווי איין גרויסע משפחה, וועמעס איין טייל האָט שוין דערגרייכט דעם ציל און וועמעס אַנדערער טייל איז אין סטאַדיום פון זיך דערצו גרייטן.

די נשמה פון דער היים איז חבר משה זעירי. ער איז דער גרינדער, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פּעדאַגאָג און דערציער. זיין „ענד־ציל" גייט פיל ווייי־

טער: צו שאַפן אַ קינדער רעפּובליק אין אַ דאָרף אין ישראל, כדי די קינדער, וואָס קומען אַהין, זאָלן ווייטער פאַרבלייבן אַלס איין גרויסע קינדער משפּחה צוזאַמען. טאַקע אויף זיין איניציאַטיוו און צודרינגלעכקייט איז די פראַגע מיט אַ צייט צוריק געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום ביי דער עקזעקוטיווע פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין ניו־יאָרק און ביים „איחוד" אין תל־אביב. אָבער דערווייל גייען אָן די לעצטע פאַרברייטונגען פאַר די איבער הונדערט קינדער אין דער היים, וואָס ווערן צוגעגרייט פאַר עליה. אַנדערע קינדער — אין דעם וויטן רומעניע — ווערן דערווייל צוגעגרייט געבראַכט צו ווערן קיין איטאַליע, טאַקע אין דער היים סעלווינאַ, וואו זיי וועלן זיך אָנזאַפּן און מכשיר זיין אַ לענגערע צייט מיט תורה און חכמה און פאַר אַ ניי לעבן — ביז זייער ריי וועט קומען — אין דעם אידישן לאַנד.

קינדער היים אין אַנטווערפּן

סעלווינאַ האָט — ווי חבר זעירי רופט זיך אַליין אָן — איר „משוגענעם" פּונקט ווי די „ראָוז גיטענשטיין" היים האָט איר „משוגענעם", אין דער פּערזאָן פון חברה קיכלער, פּונקט ווי די היים אין „לע־שו" האָט חבר שמעון פאַר דער „ראַל און מיסיע", אַזוי האָט אויך די קינדער היים אין אַנטווערפּן (בעלגיע) חבר מאַנאַסטיר'ן פאַר איר „משוגענעם". חבר מאַנאַסטיר איז אין דער צייט פון מיין באַזוך אין איראָפּע, געווען אין אַמעריקע און ער האָט פּערזענלעך אויפגענומען מיט דער לייטונג פון אונזער קאָמיטעט אַלע פּראָבלעמען פון „זיין" קינדער־היים.

דאָס איז זיכער איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס צווישן בעלגישן אידנטום. די קינדער־היים אין אַנטווערפּן איז אַ שם דבר אין גאַנצן לאַנד און הונדערטער געסט באַזוכן די היים און באַוואונדערן זי. מיט איין וואָרט: די היים איז דער שטאָלץ פון אידישן ישוב אין בעלגיע. אָבער געשאַפן איז זי געוואָרן און ווערט די גאַנצע צייט געפירט פון איין איינציקן מענטש, פון אונזער חבר מאַנאַסטיר. איך האָב אַ פּאָר שעה פאַרבראַכט מיט די קינדער און מיט זייערע דערציער, וואָס זיינען על פי רוב פליטים. דער גייסט און די אַטמאָספערע אין דער היים דערמאָנט די מערסטע היימען אין פראַנקרייך, נאַציאָנאַלע דערציאונג אין ציוניסטישן גייסט, אָריענטירט אויף ארץ־ישראל, פונדעסטוועגן נישט אין אַזאַ מאָס ווי אין „לע־שו" אָדער אין סעלווינאַ, וואו דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל דורך זייערע דערציער איז שטאַרק און השפּעה־פול.

איך האָב באַזוכט נאָך 6 קינדער־היימען, וואָס ווערן געשטיצט דורך דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט, און בייגעוואוינט אין איינינקע היימען

די פריוואונגען פון די קינדער צום סוף פון שול־יאָר, צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון אונזער באַוועגונג, ראַבינאַט, „דזשאָינט“, קהלה און פון אַנ־דערע געזעלשאַפטן. ליידער איז דער סיסטעם און דער אויסוואַל פון די לימוּ־דים אָפט אָפהענגיק פון אַ צופאַל, צוליב מאַנגל אין לערער און אין שול־מכשירים. די לערער, חברים פון ארץ ישראל, זיינען פאַר די באַדינגונגען בע־סער צוגעגרייט און האָבן מער „פערזענלעכן באַגאַזש“ און איניציאַטיוו, ווי די לערער־פליטים, הגם די לעצטע, צוליב זייער אייגענער פאַרגאַנגנהייט, זיינען נענטער צו דער פסיכיק און נשמה פון דעם קינד.

דער פאַרדינסט אָבער פון אַלע אונזערע חברים דערציער און ספּעציעל פון די פירער פון די היימען, פון די „משוגעים“, איז אומגעהויר גרויס. קיין שום געלדער און ספּעציאַליסטן וואָלטן נישט פאַרטראָטן דעם אידעאַליסטישן פייער פון די מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט פון דער אַרבעט זייער לעבנס אויפ־גאַבע און באַטראַכטן דאָס ווי אַ הייליקע מיסיע אין זייער לעבן. אלע מיליאָנען פון אַלגעמיינעם רעליף, וואָלטן קיין צענט חלק נישט דערגרייכט אָן דעם חלוּ־צישן גייסט פון די מדריכים, וועלכע זיינען זיך ווירקלעך מקריב פאַר דער רעטונג פונם אידישן קינד. פונקט ווי ארץ ישראל וואָלט מען נישט געקענט בויען בלויז מיט געלט אָן חלוציזם, אַזוי וואָלט געווען אויסגעשלאָסן יעדע דערגרייכונג אויף דעם געביט פון רעטונג אָן דער העראָאישער אַרבעט פון אונזערע חברים, פאַר וועלכע אונזערע מיטלען זיינען געווען אַ וויכטיקע הילף און אַ גרויסע מאָראַלישע דערמוטיקונג.

אָבער דער אַלגעמיינער מאַטעריעלער מצב פון די היימען איז אַ זייער שווערער. אויב אונזער הילף וועט באַלד אויף דעם געביט נישט פאַרגרעסערט ווערן, וועט זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ זיין אין אַ סכנה. דער „פאָסטער פערענטס“ פלאַן, מיט די קנאַפּע 400 במקום עלטערן אין אַמעריקע איז אַן אומגעהייער וויכטיקער עלעמענט מאַטעריעל און מאָראַליש. יעדעס ניי „אַדאָפּ־טירט“ קינד אין אַמעריקע איז אַן אויטאָמאַטישע פאַרגרעסערונג פון אונזער קאַפּאַציטעט פאַר הילף. דאָס מיינט אָבער נאָך מער: יעדער פּעקל שפּייז, אָדער קליידער, וואָס דער במקום פאָטער, אָדער מוטער שיקט דעם קינד ביי אַ געלעגנהייט איז ווידער אַ מאַטעריעלע פאַרלייכטערונג. אויך מאָראַליש האָט דאָס פאַרן קינד אַ גרויסע באַדייטונג. יעדער בריוו פון די במקום עלטערן איז פאַר דעם קינד אַ געשעעניש. עס איז פאַראַנען אַ חבר אין די מרחקים, וואָס אינטערעסירט זיך מיט זיין גורל. בעת מיין באַזוך אין פראַנקרייך, האָבן בערך 10 אונזערע „פאָסטערס פערענטס“ פון אַמעריקע, וועלכע זיינען געווען אַלס

טוריסטן אין אייראָפּע, באַזוכט „זייערע“ קינדער. צו דער שמחה הן פון די קינדער און הן פון די „עלטערן“ איז נישט געווען קיין גרעניץ. דאָס זיינען געווען אומפאַרגעסלעכע טעג פאַר די קינדער און אַ געוואַלטיקער נחת רוח פאַר אונזערע חברים און פריינט, די „פאָסטער פערענטס“. אַ שנעלע אַקציע צו דערגרייכן נאָך אַ 400 „פאָסטער פערענטס“ קאָן אויפטאָן וואונדן אויפן געביט פון שטאַרקן די עקזיסטירנדע היימען. דאָס וועט אויך דערמעגלעכן אַרויסצוראַטעווען נאָך הונדערטער אידישע קינדער פון קריסטלעכע הענט, ספּעציעל אין מזרח אייראָפּע און פון די לענדער וואו די טויערן פאַר אויסוואַנדערונג זיינען שוין כמעט פאַרמאַכט. זיי וועלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די קינדער אין אונזערע היימען, וואָס וועלן פריער אָדער אביסל שפּעטער עולה זיין קיין ישראל. דאָס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אין אונז!

קולטור און אויפקלערונגס טעטיקייט

ביבליאָטעקן פאַרלאַג, דרוקעריי, צייטונגען,

מיר שיינט פאַר לאָגיש אַוועקצושטעלן אויף דעם צווייטן פּלאַץ, נאָך דעם געביט פון קינדער הילף, אונזער פאַרצווייגטע טעטיקייט אויפן פעלד פון קולטור אַרבעט אין אייראָפּע. ווידער אַמאָל וויל איך דאָ רעדן וועגן דער אַרבעט, נאָר אויפן שטח פון די פיר לענדער, וואָס איך האָב באַזוכט. איך שטעל דאָס אַוועק אויף דעם צווייטן פּלאַץ, ערשטענס צוליב דעם פאַרנעם פון דעם געביט; צווייטנס, צוליב דער גרויסער ראָל און מאָראַלישן און דערציערישן איינפלוס פון דער אַרבעט, ווי אויך צוליב דעם פאַקט, וואָס קיין שום אידישע באַוועגונג האָט אויף דעם געביט נישט אויפגעטאָן אַזוי פיל ווי מיר, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און די מיטלען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט.

פאַרשידענע וואָכן בלעטער און זשורנאַלן פון אונזער באַוועגונג עקזיסטירן אין די פיר אייראָפּעאישע לענדער, אָבער די קרוין פון אונזער פּרעסע איז די טעגלעכע צייטונג „אונזער וואָרט“ אין פּאַריז, וועמעס אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז חבר מ. יאַרבלום און וועמעס פּאַקטישע רעדאַקטאָרן זיינען די חברים ד״ר מ. דוואָזשעצקי און מ. שטריגלער. די צייטונג „אונזער וואָרט“ איז פון אַ וואָכנבלאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק אין אַ טאָג צייטונג מיט אונזער הסכמה און אויפן סמך פון די פאַרפליכטונגען, וואָס אונזער קאָמיטעט האָט אויף זיך פאַר דעם גענומען. אין פּאַריז דערשיינען נאָך צוויי אידישע טעגלעכע צייטונגען, אַ קאָמוניסטישע און אַ בונדיסטישע. „אונזער

וואָרט״ איז בכלל די איינציקע ציוניסטישע טעגלעכע צייטונג אין אייראָפּע און זיכער די איינציקע טריבונע, וואָס לאָזט יעדן טאָג הערן איר וואָרט אין גייסט פון אַרבעטער ציוניזם. די צייטונג ווערט פאַרשפּרייט אין פיל אייראָפּעאישע לענדער מחוץ פראַנקרייך, און אפילו אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. די השפעה פון אַזאַ אויפקלערונגס און דערציאונגס אינסטרומענט צווישן דער שארית הפליטה איז נישט אָפּצושאַצן. חברים פון ארץ־ישראל האָבן מיר איבערגעגעבן ווי אין פראג, טשעכאָסלאָוואַקיי, שטייען אידן יעדן טאָג אַ לאַנגע צייט אויף דער גאַס, אָפּוואַרטנדיק דעם אָנקומען פון „אונזער וואָרט״. דאָס זעלבע קומט פאָר אין אַנדערע לענדער. אין די לאַגערן ווערט יעדער עקזעמפּלאַר פון דער צייטונג געלייענט פון 20 ביז 30 מענטשן.

די צייטונג דערפילט אַ וויכטיקע שליחות אין דעם פּאָליטישן געראַנגל אינערהאַלב די אידישע מאַסן פון עקסטרעם רעכטס ביז עקסטרעם לינקס, אַלס טאָן־געבער און וועג־ווייזער פאַר אונזער גרויסער מחנה פון אַרבעטער ציוניזם און אויך אַלס אָפּשלאַג אינסטרומענט געגן די אָנגריפן, וואָס קומען פון די געגנערישע ריכטונגען. „אונזער וואָרט״ דערפילט אויך אַ וויכטיקע מיסיע אויף דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן געביט אין פראַנקרייך גופא, אַלס אָריענ־טאַציע פאַר די גרויסע צאָלן איינגעוואַנדערטע אידן, העלפנדיק זיי אָרגאַניזירן, איינאָרדנען און אינפאָרמירן, כדי אַביסל לייכטער מאַכן זייערע נייע לעבנס באַדינגונגען. פאַרשטייט זיך, אַז די צייטונג, פּונקט ווי מן־הסתם די צוויי אַנדערע טעגלעכע צייטונגען אין פּאַריז, וואָלט נישט געקענט עקזיסטירן באַ־זירנדיק זיך בלויז אויף דער צירקולאַציע און אויף אַנאָנסן; אונזער סאָלידע הילף וועט נאָך נויטיק זיין פאַר דער צייטונג אַ לענגערע צייט. אונזער קאָמיטעט איז די איינציקע אויסלענדישע קוועלע פון וואַנען די צייטונג באַקומט הילף. מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר באַזאָרגט קיין פראַנקרייך צוויי ליינאָטיפּן און האָפּנטלעך וועט גאָר אין קורצן די צייטונג זיך דרוקן אין אונזער אייגענער דרוקעריי אין פּאַריז, „אבוקה״.

די גוט איינגעאָרדנטע דרוקעריי „אבוקה״, אין פּאַריז, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט שוין אַרויסגעגעבן די ביכער: „אין אַ פרעמדן דור״ פון מרדכי שטריגלער. „פּאַרוואַקסענע וועגן״ פון חיים גראַדע. „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״ פון ד״ר מ. דוואָר־זשעצקי „קאַפּל מאַטש״ פון מ. שטריגלער. עס זיינען אין דרוק און עס וועלן אין קורצן דערשיינען נאָך עטלעכע ביכער: „מיינע קינדער״ פון לענאַ קיכלער. „עקזאָדוס״ פון מ. יאַרבלום און אַנדערע אַרבעטן פון פאַרשיידענע

שרייבער. דאָס אַרויסגעבן פון די ביכער ווערט אויך פינאַנסירט פון אונזער קאָמיטעט. גאָר לעצטנס איז אויך אַרויס פון דרוק „דער אידישער אַנטייל אין דער פּאַרטיזאַנען באַוועגונג פון סאָוועט רוסלאַנד״, אַ וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעט פון חבר משה קאַגאַנאָוויטש אין רוים. אויך די צווייט בענדער פון חבר מ. ניישטאַדט „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע״, אַרויסגעגעבן אין תל־אביב, זיינען אין אַ געוויסער מאָס דערשינען מיט אונזער הילף. די צייטונג, די דרוקעריי און דער פאַרלאַג באַשעפטיקן צוזאַמען אַ היפשע צאָל חברים פּליטים אַלס שרייבער, זשורנאַליסטן און אויך אַלס טעכנישער פּערסאָנאַל. פאַר זיי איז דאָס אַחוץ אַ שטיקל מקור פון פרנסה, אויך אַ סאַטיספאַקציע פון קענען זיין פּראָדוקטיוו און גלייכצייטיק האָבן די מעגלעכקייט פון דערפילן אַ שליחות פאַר דער אייגענער באַוועגונג.

אַ באַזונדער גרויסע ראָל פון אומגעהייערער וויכטיקייט שפּילן די געשאַפענע דורך אונז ביבליאָטעקן און לעזע־זאַלן אין אייראָפּע. עס איז איבריק צו פאַרלירן אַ וואָרט מסביר צו זיין, וואָס עס מיינט אַ אידיש אָדער העברעאיש בוך פאַר אידישע נע ונד מענטשן, וואָס ווייסן נישט ווי דעם טאָג בייצוקומען. עס איז פאַר מיר געווען אַ באַזונדערע פרייד צו זען אין אַלע אונזערע צענטערן אין אייראָפּע די באַדייטנדע ביבליאָטעקן אונטער דעם נאָמען „ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי״. באַזונדערס אין רוים (אָנגעפירט פון חבר לייבאָוויטש) אין מילאַנאָ (פון חבר ד״ר גאָטליב) ווי אויך אין די איטאַליענישע לאַגערן. די צענדליקער טויזנטער ביכער, וואָס מיר האָבן ביסלעכווייז איבערגעשיקט קיין אייראָפּע, האָבן אין מיינע אויגן דאָרט אויסגעזען ווי גאַנצע באַוועגלעכע קולטור אינסטיטוציעס. באַזאָרגט דורך אונז פון אַמעריקע, און זיי דאָרט האָבן זיי געשטעלט צום דינסט פאַר דער אויסגעהונגערטער פאַר אַ אידיש וואָרט, באַפעלקערונג. יעדעס בוך ווערט ממש איינגעשלונגען, ספּעציעל אין די לאַגערן, אין די שפּיטעלער און סאַנאַטאָריום׳ס. ניט קיין קלענערע פרייד איז פאַר מיר אויך געווען צו זען אין פיל קלאַסן פון אונזערע שולן אידישע און העברעאישע טעקסט־ביכער, מיט דעם סטעמפּל אויף יעדן בוך „אַ מתנה פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט פאַר הילף און אויפבוי אין אַמעריקע״. אויך אין דעם מין ביכער איז אַ גרויסער דוחק. איך דערמאָן זיך ווי אין דער איינציקער און ערשטער העברעאישער שולע אין פּאַריז, אויסגעהאַלטן פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט און אָנגעפירט דורך דעם פירנדן חבר פון פּוילן מ. שטיינבערג, האָבן זיך די לערער באַקלאָגט, וואָס יעדער קלאַס פאַרמאָגט בלויז 2, 3 טעקסט ביכער פון דעם זעלבן מין און פון

דעם דאַרפֿן זיך לערנען אַלע קינדער פֿון דער קלאַס. אין אַלגעמיין אָבער, האָבן מיר אויך אויף דעם געביט דערפֿירט צו באַדייטנדע דערגרייכונגען, ווער שמועסט נאָך, ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט דעם פֿאַקט אַז די אַלגעמיינע אידישע רעליף קאַסע איז פֿאַר דער טעטיקייט כמעט, אָדער טאַקע אינגאַנצן, פֿאַרשלאָסן.

הילף פֿאַר פּליטים

אין דער הילפֿס אַרבעט פֿאַר פּליטים, דאַרף קודם־כל דערמאָנט ווערן אַ געוויסער דערפֿאָלג פֿון אונזער קאָמיטעט אין דעם אַריבערברענגען אַ באַ־דייטנדע צאָל חברים, און קרובים, פּריינט פֿון חברים, פֿון פּוילן קיין פֿראַנק־רייך. דאָס איז שוין לעצטנס געווען אַ פּראָצעס פֿאַרבונדן מיט נישט קליינע שוועריקייטן, מיט ניט ווייניק קאָמפּליקאַציעס און אויך מיט ניט קיין קליינע געלט מיטלען. די ערשטע שוועריקייטן זיינען ביים אַרויסלאָזן די מענטשן פֿון פּוילן, פֿאַר וועלכע אין בעסטן פֿאַל, איז געווען דער באַדינג פֿון האָבן אַריינפֿאָר וויזעס אין אַן אַנדער לאַנד, למשל, קיין פֿראַנקרייך. אין פֿראַנצוי־זישע רעגירונגס קרייזן איז, ווייטער, אין בעסטן פֿאַל, דאָ אַן אָפֿן אויער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַריינלאָזן אידן פֿון לאַגערן, אָבער נישט ווען עס גייט וועגן אידן בירגער פֿון אַ לאַנד, אין וועלכן זיי וואוינען. דאָס איז נאָר אַ קליינער ביישפּיל פֿון די פֿאַרשידענע מינים קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטן פֿון די ענינים. פֿונדעסטוועגן זיינען געבראַכט געוואָרן קיין פֿראַנקרייך, ווי געזאָגט, אַ באַדייטנדע צאָל חברים און סתם אידן. מיט אַ גרעסערער גרופּע פֿון אונזערע חברים פֿון פּוילן, וואָס זיינען לעצטנס אָנגעקומען, האָב איך באַוויזן אָפּצוהאַלטן אין פּאַריז אייניקע פֿאַרזאַמלונגען.

די ערשטע הילף פֿאַר די אימיגראַנטן — וועלכע קומען אַן אַלס רעזול־טאַט פֿון אונזערע באַמיאונגען, אָדער אויף אַנדערע וועגן — וועלכע באַשטייט קודם־כל אין לעגאַליזירן זייער אויפֿנהאַלט (עס רעדט זיך וועגן פֿראַנקרייך), ווערט געטאָן דורך דעם אידישן פֿאָלקס פֿאַרבאַנד אין פּאַריז. די דירעקטע מאַטעריעלע הילף ווערט געפֿירט אין יעדן לאַנד, לויט די באַזונדערע באַדינ־גונגען. אין פּאַריז איז די גרויסע פּאָפּולערע קיך פֿון דעם ציוניסטישן אַרבע־טער קאָמיטעט אין הארץ פֿון דער אידישער געגנט, וואָס גיט אַרויס 500 מאָל־צייטן, אַ היים פֿאַר דעם אידישן אימיגראַנט, וואָס זוכט אונזער אומגעבונג, פֿילנדיק זיך נאָנט צו אונזער באַוועגונג. אין דער שווייץ און אין איטאַליע איז

אונזער מאַטעריעלע הילף באַגרעניצט פאַר חברים פון דער באוועגונג. דער רעסטאָראַן און היים פאַר אידישע פּאָעטן און קינסטלער אין פּאַריז, געגרינדעט דורך דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט און אָנגעפירט פון חיים גראַדע און ש. קאַטשערגינסקי, אין וועלכענס אָפיציעלן חנוכת הבית איך האָב זיך באַטייליקט, איז ווייטער אַן אַנדער פאָרם פון הילף פאַר אַ ספּעציעלער קאַטע־גאָריע פון מענטשן. די געגרינדעטע שול־וואַרשטאַטן דורך דעם פאָלקס־פאַר־באַנד מיט די מיטלען פון אונזער קאָמיטעט פאַר יונגע חברים זיך אויסצו־לערנען אין אַ צוגעאײַלטן קורס די פאַכן: בלעכערײַ, קופּערשמידערײַ און עלעקטראָטעכניק איז אויך אַ הילפס געביט פון אַ וויכטיקן ערך. פּונקט אַזוי גייט אַרײַן אין דעם געביט פון הילף דער גן־ילדים אויף דעם נאָמען „געטאָ קעמפּערס" אין פּאַריז און די איינציקע העברעאישע שולע, פאַר קינדער פון אימיגראַנטן.

צום סוף דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די שיינע אינסטיטוציע „פּרייטיק־צונאַכטסן" פאַר פּליטים אין פּאַריז, אָנגעפירט דורך חבר ד"ר מ. דוואָזשעצקי, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועכענטלעכער טריבונע פאַר בערך טויזנט צוהערער, אויף וועלכע עס טרעטן גערן אויף מיט לעקציעס, רעפעראַטן און קאָנ־צערטן באַקאַנטע אידישע פערזענלעכקייטן פון דער פּאָליטישער וועלט, ווי אויך פאַרשידענע קינסטלער. אויך די אינסטיטוציע נויטיקט זיך אין אונ־זער פּערמאַנענטער שטיצע. אגב, אַזאַ ענלעכע אינסטיטוציע אונטער דעם נאָמען „עונג שבת" עקזיסטירט אין די לאַגערן אין איטאַליע פאַר אונזערע חברים און סימפּאַטיקער. איינמאָל אין דער וואָך זיצן די לאַגער אידן ביי געדעקטע טישן און זיי זיינען נהנה פון דעם צובייסן און דער עיקר — פון דער שבת'דיקער אַטמאָספערע און פון די רעדעס איבער ענינים וואָס שטייען ברומו של עולם. אויף דעם „עונג שבת" וואַרט מען אַ גאַנצע וואָך מיט גרויס אומגעדולד, דאָס פרישט אַביסל אָפּ און דערהויבט.

פון אַן אויסנאָם וויכטיקייט, איז אויך דער בית־חלוצים אין דאַוואָס, שווייץ, אַ סאַנאַטאָריום פאַר טובערקולאָזע קראַנקע חברים, וואָס ווערט גע־שטיצט פון אונזער קאָמיטעט. דער בית־חלוצים פאַר חברים, וואָס ליידן אויף שווינדזוכט, איז געשאַפן געוואָרן מיט צוויי יאָר צוריק דורך אונזער חבר פון דייטשלאַנד י. ברומליק, אַליין אַ געוועזענער קרבן פון דער שרעקלעכער קראַנקהייט, וועלכער האָט געוואוינט אין שווייץ יאָרן פאַר דעם מלחמה אויס־ברוך. דאָס שטעטל דאַוואָס, וואָס ליגט אַרומגערינגלט מיט שניי־באַדעקטע אַלפּן־בערג, איז אַ באַרימט פּלאַץ אין דער וועלט פאַר היילונג פון דעם מין

קראַנקהייט. דאָרט געפינען זיך ריזיקע שפּיטעלער און סאַנאַטאָריומס פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, פון די סקאַנדינאַווישע לענדער, געבויט פאַר זייערע אייגענע בירגער, וואָס נויטיקן זיך אין קוראַציע פון דער קראַנקהייט. אין שכנות פון די דאָזיקע מעכטיקע געביידעס מיט גרויס קאָמ־פאָרט, געפינען זיך די צוויי באַשיידענע אײן שטאָקיקע הייזלעך, אין וועלכע עס ליגן קנאַפּע 30 חברים, געוועזענע פּראָנט־קעמפער, פּאַרטיזאַנען און „פענסיאָנערן״ פון פאַרשידענע קאָנצענטראַציע לאַגערן. ביז מיט אַ צייט צוריק, האָט דער „בית־חלוצים״ באַקומען אַ געוויסע סובסידיע פון דער שווייצאַרישער אידישער קהלה און אפילו פון דער שווייצאַרישער רעגירונג. אונזער הילף, איז דעריבער דעמאָלט, (דורך חבר ד״ר זילבערשיין) געווען אַ מינימאַלע.

זייט אַ פּאָר חדשים האָט די שווייצאַרישע רעגירונג אָפּגעשטעלט יעדע שטיצע פאַר פליכטלינגען אינסטיטוציעס. אונזער קאָמיטעט האָט דעריבער געמוזט אויף זיך נעמען פאַר דעם „בית־חלוצים״ ערנסטע מאַטער־יעלע פאַרפּליכטונגען. פּאַקטיש האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן די קנאַפּע 30 חברים, וואָס ליגן אין דעם סאַנטאַטאָריום גופא — הגם נעמענדיק אין אַכט, אַז די קראַנקהייט פאַרלאַנגט בדרך כלל אַ לענגערע קוראַציע, איז דאָס אויך שטאַרק קאָסטבאַר — נאָר עס גייט אויך אין די בערך הונדערט חברים, וואָס געפינען זיך אין אַ לייכטער סטאַדיע פון דער קראַנקהייט, אָדער וואָס זיינען שוין אויסגעהיילט און נייטיקן זיך בלויז ווייטער צו פאַרבלייבן אונ־טער דעם זעלבן קלימאַט. אויך פאַר זיי מוז געזאָרגט ווערן, נעמענדיק אין אַכט, אַז קיין שום באַשעפטיקונג אין שווייץ איז זיי נישט דערלויבט אָנצו־נעמען.

די חברים, וואָס געפינען זיך אין דעם „בית־חלוצים״, פילן זיך גליק־לעך, וואָס זיי מוזן נישט אָנקומען צו שטאַטישע קריסטלעכע קראַנקן־היי־זער. זיי ווייסן אויך, אַז אויף יעדער בעט, וואָס קאָן פריי ווערן, וואַרטן צענ־דליקער קראַנקע חברים אויף דער אַנדערער זייט פון דער שווייצאַריש־דייטשער גרעניץ. די שווייצאַרישע רעגירונג דערלויבט דאָס אַריינקומען פון אַ קראַנקן, נאָר ווען ער קען אָנווייזן ווער עס וועט אים אויסהאַלטן, אָדער ווען ער האָט אַ באַשטעטיקונג פון אַן אינסטיטוציע אין שווייץ, וואָס נעמט אים אַריבער אויף איר אחריות.

מיין באַזוך אין דאַוואָס (צוזאַמען מיט אונזער פאַרטרעטער אין שווייץ, חבר י. גאַכסהיימער) איז געווען אַ גרויסע געשעניש פאַר די דאָרטיקע חברים.

דאָס וועט אויך ביי מיר לאַנג פאַרבלייבן אין זכרון. איך קאָן נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון אונזער פאַרזאַמלונג אָנהויב יולי. אַ פאַרזאַמלונג אויף דער אָפּענער טעראַסע פון סאַנאַטאָריום פאַר ליגנדיקע מענטשן אין בעטן, איי־בערגעדעקט ביזן קאָפּ מיט שווער בעטגעוואַנט און אַרומגערינגלט מיט די מורא׳דיק הויכע בערג באַדעקט מיט אַ טיפן ווייסן שניי. איך האָב גערעדט וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל, וואָס כ׳האָב דעמאָלט געוואוסט, איבער דעם צוזאַמענפאָר פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פון וואַנען איך האָב זיך צוריק־געקערט, און איבער אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע, אָפּשטעלנדיק זיך ספּע־ציעל אויף די טעטיקייטן פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט. אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט, איז געהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. חברות און חברים האָבן שפּעטער גענומען אַ וואָרט אין דעם שמועס. אַלעמענס ווערטער האָבן אויסגעדריקט טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר מיין באַזוך (צום ערשטן מאָל באַזוכט זיי אַ חבר פון אַמעריקע), פאַר דעם אינטערעס פון אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע צו זייער גורל. גאָר ספּעציעל, מיט אַ געוויסער חבר׳שער אויפריכטיקער צופרידנקייט, זיינען ציטירט און אונטער־געשטראָכן געוואָרן מיינע ווערטער וועגן דעם כאַראַקטער פון אונזער הילפס אַרבעט, אַז זי איז נישט קיין פילאַנטראָפּישע.

איידער איך בין נאָך אָנגעקומען קיין דאַוואָס, האָבן זיי באַקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג פון אונזער קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, אַז עס איז פאַר זיי באַשטעטיקט געוואָרן אַ גרעסערע סובסידיע אויף אַ פּערמאַנענטן אופן. דאָס האָט זיי פיל צוגעהאָלפן אין זייערע באַמיאונגען אויסצופועלן ביי דער שוויי־צאַרישער רעגירונג נאָך אַ צאָל וויזעס פאַר קראַנקע חברים אין דייטשלאַנד זיך צו היילן אין דאַוואָס. שפּעטער האָט חברה חנה ספּעקטאָר באַזוכט דאַוואָס. זי איז דאָרט אויפגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בערך הונדערט חברים און פריינט. אייניקע שווייצאַריש־דייטשע לאָקאַלע צייטונגען האָבן געשיקט רעפּאָרטערס צו דער פאַרזאַמלונג און צומאָרגנס זיינען געווען געדרוקט לענ־גערע באַריכטן איבער דער צוזאַמענקונפט, דערציילנדיק גענוג אויספירלעך איבער די טעטיקייטן פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין אַמעריקע.

באַמערקונגען צום סוף

עס דאַרף קודם־כל נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די דערמאָנטע טעטיקייטן פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין דעם באַריכט באַ־ציען זיך נאָר אויף די פיר לענדער, וואָס איך האָב לעצטנס באַזוכט. הגם אויך

אויף דעם געאָגראַפֿישן אַפּשניט קומען נאָך צו פֿאַרמען פֿון הילף, וואָס זיינען דאָ נישט אויסגערעכנט געוואָרן. ווי, למשל, טויזנטער פּעקלעך שפּייז, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פֿאַר אינסטיטוציעס, אינדיווידועלע חברים און פֿאַר באַוואוסטע אידישע פּערזענלעכקייטן, צענדליקער טויזנטער פֿונטן נייע קליידער פֿאַר דערוואַקסענע און קינדער, מעדיצינען, אַרבעטס־אינסטרומענטן, איבערווייזונגען פֿון באַדייטנדע סומעס דורך אונזערע קאַנאַלן פֿאַר סאָסייטעס, לאַנדסמאַנשאַפֿטן און יחידים. ווען מען נעמט דעריבער אין אַנבאַטראַכט, אַז די הילף אין די דערמאָנטע פֿיר לענדער, שטעלט מיט זיך פֿאַר, נאָר אַ טייל, הגם, אַ באַדייטנדן טייל, פֿון דער גאַנצער טעטיקייט פֿון אונזער קאָמיטעט, באַקומט מען אַן אמת׳ע פֿאָרשטעלונג איבער דער אויסברייטערונג פֿון אונזער אַרבעט, איבער די דערגרייכונגען, ווי אויך איבער איר נוצלעכקייט און דרינג־לעכקייט.

אין צוזאַמענהאַנג טאַקע מיט דער אויסברייטערונג פֿון אונזער פֿאַר־נעם פֿאַר הילף, פֿאָדערן זיך וויכטיקע ענדערונגען אין דער אָרגאַניזירונג און אין דער טעכניק פֿון אָנפֿירן מיט די הילפֿס טעטיקייטן אין אייראָפּע. דורך קאָרעספּאָנדענץ פֿון ניו־יאָרק אויס, קאָן דאָס היינט שוין נישט געמאַכט ווערן אויף אַ באַפֿרידיגנדן אופֿן. די צייטן און אומשטענדן בייטן זיך. ספּעציעל לעצטנס, אין פֿאַרבינדונג מיט דעם פֿאַרהעלטנסמעסיק שנעלן עליה טעמפּאָ פֿון איין זייט, און אידישע איבערוואַנדערונגען פֿון מזרח צו מערב פֿון דער צווייטער זייט. מיט אַ יאָר צוריק איז נאָך ביי אונז פּוילן געשטאַנען אויפֿן ערשטן אָרט פֿאַר הילף, היינט דאַרף לכל הדעות רומעניע מיט אירע 400 טויזנט אידן פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ.

די קאָנפֿערענץ פֿון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון חבר ברוך צוקערמאַן אין מאָנטרע (שווייץ), וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון דער צוזאַמענקונפֿט פֿון אידישן וועלט קאָנגרעס, האָט טאַקע זיך גערעכנט מיט דער נייער סיטואַציע און געוויילט אַן אייראָפּעאישן קאָמי־טעט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון חבר מ. יאַרבלום, וואָס איז אַן אָפּטיילונג פֿון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין אַמעריקע. די אינסטאַלירונג פֿון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט אין פֿראַנקרייך אונטער דעם פֿאָרזיץ פֿון חבר ישראל עפֿרויקין, וואָס האָט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו קאָאָרדינירן און האָבן די קאָנטראָל איבער אַלע דאָרטיקע הילפֿס אינסטיטוציעס, וואָס ווערן גע־שטיצט פֿון אונזער קאָמיטעט, איז אַן ענדלעכער שריט אויסצובעסערן און קאָנסאָלידירן אונזערע הילפֿס טעטיקייטן אין פֿראַנקרייך, לפֿי רוח הזמן.

אַזעלכע אָפּטיילונגען פון ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט עקזיסטירן שוין אויך אין איטאַליע, שווייץ, דייטשלאַנד, ווי אויך אין אייניקע מזרח אייראָפּע־אישע לענדער.

די רעפאָרמען וועלן אָבער, לויט מיין מיינונג, נישט זיין קיין פאָלקאָמע און ווירקזאַמע, אויב אַחוץ דעם אַלעם וועלן מיר נישט האָבן אַ פּערמאַ־נעטן פאַרטרעטער פון אונזער קאָמיטעט אין אייראָפּע, וואָס זאָל אין אונזער שליחות קענען האַנדלען און אויספירן אין אַלע פראַגן פון אונזערע דאָרטיקע טעטיקייטן. לאָמיר געדענקען אַז אַחוץ „פּאָליסי" ענינים, האָבן מיר דאָרט באַדייטנדע ריין טעכנישע פּראָבלעמען. גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט פון די ביז איצט 400 „אַדאָפּטירטע" קינדער אין אייראָפּע וועמעס גוטע און פּינקטלעכע פאַרבינדונגען מיט זייערע במקום עלטערן אין אַמעריקע מוזן אָנ־געהאַלטן ווערן. גענוג אויך צו דערמאָנען די וויכטיקייט פון דער גוטער און פּינקטלעכער פונקציאָנירונג פון די פאַרשיידענע געלט איבערווייזונגען א. א. וו. וואָס פריער די אויסבעסערונג וועט דורך אונז געמאַכט ווערן, אַלץ מער וועט אונזער אַרבעט דערפון געניסן.

* * *

גאָר צום סוף וויל זיך באַרירן אייניקע פראַגן, וואָס האָבן פאַקטיש מיט דעם עצם באַריכט נישט קיין דירעקטע שייכות. דאָס זיינען „פּראָבלע־מאַטישע פראַגן", וואָס ווערן לעצטנס געשטעלט שטילערהייט, אין געדאַנק, אָדער טאַקע אין ווערטער: „איז נאָך היינט טאַקע אַזוי וויכטיק צו זאַמלען געלט פאַר אידן אין אייראָפּע, ווען אַלץ ווערט דאָרט אויסגעליידיקט?"; פאַר־וואָס מוז אונזער באַוועגונג און אירע פריינט אין אַמעריקע מאַכן אויף דעם געביט ספּעציעלע אָנשטרענגונגען בעת עס עקזיסטירט אַ ,דזשאָינט', וואָס איז אַ טייל פון דעם ,פאַראייניקטן אַפּיל', פאַר וועלכן מיר אַלע גיבן אונזערע ביישטייערונגען?" און ענדלעך די לעצטע פראַגע: וועלכן צוועק האָט דאָס היינט אַריינצולייגן געלט אין דעם גלות אייראָפּע, אַפילו ווען דאָס גייט פאַר מענטשן און אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, ווען זיי גרייטן זיך וואָס פריער עולה צו זיין קיין ישראל?"

די אַלע פראַגן זיינען באַרעכטיקטע און דערפאַר טאָרן די ענטפערס אויף זיי נישט זיין פּראָפּאַגאַנדע מעסיק און „מיט־געוואַלט" איבערצייגנד. דער אמת איז, אַז די צאָל אידן אין אייראָפּע איז פאַקטיש נישט באַ־דייטנד קלענער ווי מיט דריי יאָר צוריק, תיכף נאָך דער מלחמה. איך קאָן וועגן

דעם ליידער נישט רעדן באַזירנדיק זיך אויף סטאַטיסטיק, נאָר אויף אַלגעמיינע עמיגראַציע דערשיינונגען אין דעם פעריאָד. אַחוץ ארץ ישראל, האָבן די אַנדערע לענדער זיך קנאַפּ אויסגעצייכנט אין אַריינלאָזן אידישע פּליטים. אין דער צייט זיינען דאַגעגן בערך 150 טויזנט אידן רעפּאַטריאירט געוואָרן פון סאָוועט רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך אויך אויסגעמישט מיט דעם אַלגעמיינעם פּליטים ציבור. אַזוי, אַז וועגן גאָר גרויסע ענדערונגען אין דער צאָל פון אידישע פּליטים קאָן מען נישט רעדן. וואָס איז נוגע דעם מאַטעריעלן מצב פון די אייראָפּעאישע אידן, איז זיכער אַריינגעטראָטן אַ פאַרערגערונג און נישט פאַרקערט. עס איז פּשוט נישט געווען קיין שום ערנסטער קוואַל (נישט רעדנדיק וועגן דעם „שוואַרצן מאַרק", פון וועלכן נאָר יחידים האָבן גענאָסן) פון וואַנען אַזאַ פאַרבעסערונג האָט געקענט קומען. לויט דער סטאַטיסטיק פון „דזשאָינט" נויטיקן זיך נאָך אַ מיליאָן פיר הונדערט טויזנט אידן אין שטיצע.

אָבער די ענדערונג, וואָס איז יאָ פאָרגעקומען אין דער צאָל פון אידישע פּליטים, און הויפּטזעכלעך אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אי־טאַליע. פון דאָרטן איז געגאַנגען אַ פאַרשטאַרקטע עליה קיין ארץ־ישראל פאַר און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה. ביז בערך מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך די צאָל אידן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך נישט פיל געענדערט: דאָס אָרט פון די עמיגרירטע אידן איז שנעל אויסגעפילט געוואָרן דורך פרישע אידישע פּליטים, וואָס זיינען אָנגעקומען, אויף אַלע וועגן, פון מזרח אייראָפּע, אין דער האָפנונג זיך לייכטער פון דאָרט צו דער־שלאָגן לעבר הים. ערשט זייט אַ יאָר, ווען דאָס צוקומען פון נייע פּליטים אין די דייטשע און עסטרייכישע לאַגערן איז שטאַרק באַשוועדט געוואָרן, האָט די עמיגראַציע פון דאָרט אָנגעהויבן צו זיין מערקבאַר. אין די לאַגערן פון איטאַליע איז פאָרגעקומען די זעלבע דערשיינונג. גאָר לעצטנס זיינען איינציקע אידישע לאַגערן אויסגעליידיקט געוואָרן אויף אַ דריטל און מער פון זייערע איינוואוינער. אָבער עס ווערן שוין דערוואַרט נייע פּליטים פון רומעניע, וואָס וועלן פאַרנעמען, לכל הפחות, אויף אַ געוויסער צייט די פּלעצער פון די עולים קיין ארץ־ישראל. עס איז זיכער, אַז צוליב ריין געאָגראַפישע און אַנ־דערע טעמים וועט איטאַליע נאָך אַ לענגערע צייט פאַרבלייבן אַ דורכפאַר „סטאַנציע" פאַר אידן פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע מקומות. דאַגעגן אין פראַנקרייך איז די צאָל אידישע פּליטים היינט פיל גרעסער ווי גלייך נאָך דער מלחמה. עס איז דעריבער אַ גרויסע גוזמא צו רעדן בלשון „אַלץ ווערט דאָרט אויסגעליידיקט". לאָמיר האָפן אַז די עליה קיין ארץ ישראל וועט גאָר

אין קורצן אָנגעמען אַ סך אַ ברייטערע פֿאָרם ווי ביז איצט. דערווייל אָבער טאָרן די דאָרטיקע אידן נישט באַשראַפֿט ווערן פֿאַר דעם חטא, וואָס זיי האָבן דערצו נאָכנישט זוכה געווען.

וואָס איז נוגע דער הילפֿס אַרבעט פֿון אונזער אייגענער באַוועגונג, וואָלט זי אַליין געווען נוצלעך, פֿון פֿאַרשידענע שטאַנדפּונקטן, אפֿילו ווען דער אַלגעמיינער רעליף וואָלט געווען בכח צו פֿאַרענטפֿערן די נויטן פֿון דער שארית־הפּליטה. דער אמת אָבער איז, — מעג דאָס קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס — אַז קיין שום רעליף קאָן בכלל נישט פֿאַרענטפֿערן רעליף פּראָבלעמען. די „אונראַ" מיט אירע איבער 2 ביליאָן דאָלאַר האָט דאָס נישט באַוויזן און נאָך ווייניקער קאָן דאָס באַווייזן די „איראָ", וואָס איז געקומען אויף איר אָרט. און זיכער קאָן דאָס נישט דער אַלגעמיינער אידישער רעליף אויף דעם אידישן סעקטאָר. דער „דזשאָינט" קאָן מיט זיינע פֿאַרהעלטנסמעסיק גרויסע סכומים, וואָס ער באַקומט פֿון „פֿאַראייניקטן אַפּיל" נאָר „צושטייער געבן" זיך „באַטייליקן", אָבער ווייניק אַליין „אויסהאַלטן". דאָס פֿאַסירט אין די לאַגערן און מיט די מערסטע הילפֿס אינסטיטוציעס אין אייראָפּע, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן פֿון אונזער באַוועגונג און פֿון אַנדערע ריכטונגען און קער־פֿערשאַפֿטן. די מיטלען פֿון דעם ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט זיינען דע־ריבער אַ ווירקטיקע צוגאָב הילף, אַלס רעזולטאַט פֿון אַ ספּעציעלער אָנשטרענ־גונג, וואָס שטאַרקט מאַטעריעל און אידעאיש גרויסע טיילן פֿון דער שארית הפּליטה. די הילף ברענגט מיט זיך אידעאַליזם, איניציאַטיוו, אויסדויער און האָפֿנונג. הונדערטער אידישע קינדער זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פֿון קריסט־לעכע הענט און געפֿינען זיך שוין היינט אין דער אידישער מדינה, דורך דער קערפּערשאַפֿט „גאולת־ילדים" אין לאָדזש, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן מיט די מיטלען, וואָס חבר ל. סיגאַל האָט געבראַכט קיין פּוילן גלייך נאָך דער מלחמה. די הונדערטער אידישע יתומים זיינען געראַטעוועט געוואָרן פֿאַרן אידישן פֿאָלק נישט בלויז מיט אונזערע מיטלען, נאָר אַ דאַנק דעם פֿייערדיקן אידעאַליזם און מסירות־נפש פֿון די חברים אונזערע דאָרט, וואָס זיינען געווען די „באַלעבאַטים" איבער די מיטלען. אָפֿט איז אונזער הילף אַן אָנ־רעגונג פֿאַר איניציאַטיוו און אַ באָדן פֿאַר דער טעטיקייט פֿון אַלגעמיינעם אי־דישן רעליף. דורך אונזערע מיטלען דערמעגלעכן מיר אין פֿיל פֿאַלן, אַז אויך דער נאַציאָנאַלער עלעמענט פֿון דער שארית הפּליטה זאָל געניסן פֿון דער אַלגעמיינער אידישער שטיצע. און פֿון דער אַנדערער זייט — אַז דער אידי־שער רעליף זאָל געלענקט ווערן אין אַ געוויסער מאָס פֿאַר צוועקן, וואָס זיינען באַהויכט מיט אַ נאַציאָנאַלן גייסט.

די הילף, וואָס מיר גיבן צו די אינסטיטוציעס אונזערע אין אייראָפּע, איז, אומדירעקט, אַ וויכטיקע הילף פאַר ארץ־ישראל. יעדעס קינד, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן און דערצויגן אין אונזער היים, יעדער פּליט וואָס געניסט פון אונזער הילף אין וועלכער ס׳איז פאָרם, יעדע מין ליטעראַטור וואָס דער־שיינט אין אייראָפּע מיט אונזערע מיטלען — זיינען בבחינת אַ פיזישע און גייסטיקע הכשרה. לאָמיר האָפן, אַז די טעטיקייט וועט ניט דאַרפן מאריך שנים זיין, דערווייל אָבער איז דאָס — הילף, רעטונג, גלות און ארץ ישראל.